דער נומער האָט 28 זײַטן

# לעבנס־פֿראַגן

סאָציאַליסטישע חודש־שריפֿט פֿאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפֿט און קולטור

סעפטעמבער־אָקטאָבער 2001 | נומ׳ 593-594 | 51־טער יאָרגאַנג

## דער ראַסיסטישער לינטש אין דערבען

דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿאָרום פֿאַר מענטשן־רעכט, וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען אין דערבען, דרום־אַפריקע, אונטערן שטעמפּל פֿון דער פּאַראײניקטער פֿעלקער־אָרגאַניזאַציע און אונטער דער פֿאָן פֿון קאַמף קעגן ראַסיזם און דיסקרימינאַציע – איז געוואָרן באַהערשט פֿון דעם אַראַביש־מוסולמענישן נאַציאָנאַליזם און האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אָרגאַניזירטן ראַסיסטישן לינטש קעגן מדינת ישראל.

די שאַרפֿע אַנטי־ישראלדיקע אַטמאָספֿער, וואָס איז דורך דער פּראָ־פּאַלעסטינעזישער קאָאַליציע אָנגעוואָרפֿן געוואָרן דעם פֿאָרום, און די אױגעגרייטע רעזאָלוציעס, וואָס האָבן באַנײַט די אַלטע רעטאָריק פֿון פֿאַרגלײַכן דעם ציוניזם צום נאַצישן ראַסיזם און צום אַפּאַרטהייד, האָט באַוויגן די ישראלדיקע דעלעגאַציע צו פֿאַרלאָזן די קאָנפֿערענץ. זי האָט דאָס אָבער נישט געטאָן איידער עס האָט נישט באַשלאָסן וועגן דעם זי דעלעגאַציע פֿון די פּאַראייניקטע שטאַטן, וואָס אויך זי האָט די קאָנפֿערענץ פֿאַרלאָזט. אויף דעם אופֿן האָט ישראל דעמאָנסטרירט איר פֿולשטענדיקע אָפּהענגיקייט צו די באַשלוסן און דירעקטיוון פֿון וואַשינגטאָן, און אַז זי באַזייצט זיך אונטער איר פֿאַרטוך קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער קריטיק.

אַוודאי פֿילט זיך ישראל זיכערער אונטערן פּאַטראָנאַזש פֿון דער אַמעריקאַנער גרויסמאַכט, איידער ווי זי וואָלט זיך געדאַרפֿט אָנשפּאַרן, ווי אַמאָל, אויף דער איינציקער שטימע פֿון קאָסטאַ־ריקאַ אָדער מיקראָנעזיע... און מ׳קען אויך נישט פֿאַרזען די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע זינט די דורכגעפֿאַלענע פֿאָרומס קעגן ראַסיזם אין די יאָרן 1978 און 1982, און גאָר באַזונדערס זינט יענער פּלענום־סעסיע פֿון דער יו־ען אין 1976, וואָס האָט געשטעמפּלט דעם ציוניזם אַלס ראַסיזם. דעמאָלט האָט דער אַראַביש־מוסולמענישער בלאָק געהאַט די אונטערשטיצונג פֿון דער גאַנצער "דריטער וועלט", דהיינו פֿון די נייטראַליסטישע לענדער אין אַפֿריקע און אַזיע, און פֿון סאָוויעטיש־קאָמוניסטישן בלאָק, בעת איצט האָבן אַ סך פֿון די דאָזיקע לענדער געשטימט קעגן די רעזאָלוציע־פֿאָרשלאַגן פֿון דער אַראַבישער ליגע, אָדער זיך אָפּגעהאַלטן פֿון שטימען פֿאַר זיי.

עס איז קלאָר, אַז נישט די עוולה פֿון ישראל איז געשטאַנען בראָש פֿון די אַמעריקאַנישע דאגות צוליב וועלכע וואַשינגטאָן האָט פֿאַרלאָזט דערבען. ישראל איז געווען פֿאַר איר אַ תּירוץ, ווײַל אַמעריקע האָט נישט געהאַט קיין חשק צו זיצן דאָרט אויף דער באַשול־דיקונגס־באַנק און הערן די פֿאָדערונג פֿון די שוואַרצע וועגן אַנטשעדיקונגען פֿאַר דער שקלאַפֿערײַ פֿון זייערע אבות. און הגם ישראל איז געשטאַנען אין צענטער פֿון דער אומגעצוימטער קריטיק, זענען אָבער די באַריכטן פֿון דערבען אַראָפּ פֿון די הויפּט־קעפּ און פֿאַררוקט געוואָרן אין אַ ווינקל אויף די אינערלעכע זײַטן פֿון דער ישראלדיקער פּרעסע מיטן צוריקקער פֿון דער דעלעגאַציע – כאָטש די באַמיִונגען פֿון די אייראָפּעישע דעלעגאַציעס צו ענדערן די באַשלוסן פֿון דעם "פֿאָרום" זענען געוואָרן פֿאָרגעזעצט.

די אַטמאָספֿער אין דערבען האָט צוריקגעקערט אין ישראל די ציניש̈ע באַציִונג צו דער אויסערלעכער וועלט און די באַנײַונג פֿון בן־גוריונס ביטול־באַציִונג צו דער יו־ען ("אום־שמום"...). מ׳קען אָבער נישט אָפּקומען מיט דער טענה, אַז די ישראלדיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט נישט גוט געאַרבעט. די בעסטע פּראָפּאַגאַנדע קען נישט פֿאַרטרעטן און פֿאַרריכטן קיין שלעכטע פּאָליטיק. און מ׳קען נישט אַנטלויפֿן פֿון דער מאַטערנדיקער פֿראַגע: וואָס האָט דערפֿירט צו דעם, אַז ישראל זאָל ווידער ווערן אַזוי שטאַרק איזאָלירט, און אַז דער אַנטיסעמיטיזם זאָל ווידער פֿאַרסמען די וועלט?

ליבער לייענער,

מיר האָבן דאָס מאָל זיך צוגעאײַלט צו דערלאַנגען דעם נומער פאַר דער געוויינלעכער צײַט, כּדי צו באַווײַזן אים אַרויסצושיקן דיר צום יום־טובֿ – צוזאַמען מיט דער מתּנה, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פאַר אונדזערע לייענער – דעם נומער 3 פון דער פערטליאָר־שריפט "טאָפּלפּונקט". דער איצטיקער נומער פון אונדזער זשורנאַל איז געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט אין די אומגעוויינלעך שפּאַנענדיקע טעג פון פאַרשאַרפטן טעראָר פון טייוול־מאַשינען, לעבעדיקע באָמבעס פון פאַנאַטישע זעלבסטמערדער, און אין שאָטן פון דעם בליוויִקן פּאָליטישן ליַנטש איבער מדינת ישׂראל אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ קעגן ראַסיזם אין דערבאַן. מיר האָבן אָבער געמוזט שליסן דעם נומער אין מיטן דער דראַמע, און אויך פאַר דער אַנטשיידונג פון די "פּרײַמעריס" אין "עבֿודה".

פאַר פרומע און גלייביקע ייִדן זענען דאָס איצט די ימים הנוראים – די "פּאַרכטיקע טעג", און אַלעמען זענען זיי איצט פאַר די אײַנוווינער פון לאַנד. דערלאַנגענדיק דיר, ליבער לייענער, דעם דאָזיקן נומער פון די "לעבנס־פראַגן" ווינטשן מיר דיר, אַז דאָס נײַע ייִדישע יאָר זאָל צוריק ווערן אַ יאָר פון די שענסטע און בעסטע האָפענונגען.

מיט חבֿרשאַפט – יצחק לודען

צום הײַנטיקן נומער ווערט בײַגעלייגט
פאַר די אַבאָנענטן פון "לעבנס־פראַגן":
די פערטליאָר־שריפט
"טאָפּלפּונקט"
פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפט –
אַ יום־טובֿ מתּנה
פון דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ
פאַר ייִדישער קולטור




# אַן אויסוואַל אָן דערוואַרטונגען

"מיר זענען געגאַנגען שלאָפן מיט בנימין בן־אליעזר ("פואַד") און אויפגעשטאַנען זענען מיר מיט אברהם בורגן" – איז געזאָגט געוואָרן אויף צומאָרגנס נאָך דעם פּירער־פּאַרמעסט אין דער אַרבעטס־פּאַרטיי וואָס איז אָנגעגאַנגען שלאַבערדיק און האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דראַמאַטישער נישט־אַנטשיידונג צווישן צוויי גלײַכע מחנות. דער טראַדיציאָנעלער באַלאַנס צווישן דעם "לאַגער פון שלום" און דעם אַ"ג "נאַציאָנאַלן לאַגער", וואָס האָט געהאַט צעטיילט די ישׂראלדיקע געזעלשאַפטלעכקייט, האָט זיך איצט אײַנגעשטעלט אין "עבֿודה". דאָס באַטײַט: נאָך אַ רוק אויף רעכטס, צו די אָרעמס פון "ליכּוד".

דער טרויעריקער מצבֿ פון דער ישׂראלדיקער אַרבעט־פּאַרטיי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי בולט און אַזוי באַשײַמפּערלעך, ווי אין די "פּרײַמעריס", וואָס זענען פאָרגעקומען אין די ערשטע טעג פון חודש סעפּטעמבער. די שטאַרקע אַפּאַטיע פון דער פּאַרטייִשער מיטגלידערשאַפט, און פון דער ישׂראלדיקער עפנטלעכקייט בכלל, האָט זיך אויסגעדריקט אין דער הערשנדיקער גלײַכגילטיקייט אין און אויסער דער פּאַרטיי בשעת דעם וואַל־קאַמפּיין.

די בולטסטע דערשײַנונג אין די דאָזיקע "פּרײַמעריס" איז געווען – די כּמעט פולע נישט־אַנגאַזשירטקייט פון דער פּאַרטייִשער אָנפירונג אין דעם פּירער־פּאַרמעסט. די פּאָטענציעלע מנהיגים פון העכערן "קאַליבער" האָבן זיך נישט געפילט גרייט צום פּאַרמעסט, מורא האָבנדיק יעדער איינער פאַר אַ דורכפאַל, און די מערהייט פון די ווײלערס זענען געגאַנגען צו די פּרײַמעריז בעל־כּורחם, נישט זעענדיק אין קיין איינעם פון די צוויי קאַנדידאַטן דעם ריכטיקן מאַן פאַר דער אָנפירערשאַפט. דער איינציקער וואָס האָט זיך אָפן דעקלאַרירט לטובֿת שרונס זיכערהייטס־מיניסטער, איז געווען אהוד בּרק, דער וואָס האָט דערפירט צום צוזאַמענברוך פון דער פּאַרטיי.

בלויז אַרום 60% פון די 117.000 רעגיסטרירטע פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן זיך באַטייליקט אין די "פּרײַמעריס". בעת דער רעגיסטראַציע גופא האָבן 40% פון די רעגיסטרירטע דערקלערט אין אַ פּובליק־טעסט, אַז זיי האָבן גאָר נית בדעה צו שטימען פאַר "עבֿודה" צו דער כּנסת: זיי האָבן זיך רעגיסטרירט כּדי צו שטיצן איינעם פון די קאַנדידאַטן, אָדער, ריכטיקער: צו שטימען קעגן איינעם פון די קאַנדידאַטן. די איבערוואָג פון בן־אליעזר בײַם אָנהייב פונעם ציילן די שטימען איז געווען אַן איבערראַשונג, ווײַל בײַם אָנהייב פון דעם וואַל־געיעג איז ער געווען ווײַט הינטערשטעליק נאָך זײַן אַמביציעזן ריוואַל, דעם כּנסת־פּאָרזיצער אברהם בורג.

אַ סך קעגנזײַטיקע באַשולדיקונגען און באַשמוצונגען האָבן באַגלייט דעם וואַל־פּאַרמעסט, בעת וועלכן בן־אליעזר האָט שאַרף אַטאַקירט די "לינקע", און דער לינקער פליגל האָט אים באַצייכנט ווי דעם אָנפירער פון "ליכּוד ב". עס איז קיין ספק נישט, אַז דער איצטיקער פּאַרמעסט האָט נאָך מער געשטויסן די "עבֿודה"־פּאַרטיי אויף רעכטס, צו אַ נאָך ענגערער שותּפֿות מיטן "ליכּוד", אָן אַן אייגענער אַלטערנאַטיווע פאַר דער צוקונפט פון דער מדינה.

דער נומער איז געשלאָסן געוואָרן צום דרוק דעם 5.09.2001

# פון חודש * * צו חודש

## באַבי יאַר – 60 יאָר

וויפל יזכור־דאַטעס איַינגעראַמטע אין שוואַרצע ראַמען אויפן פאַרבלוטיקטן לוח פון דער ייִדישער געשיכטע, אַזוי פיל ערטער אויף דער מאַפּע פון דער מיט בלוט דורכגע־זאַפּטער ערד פון מזרח־אייראָפּע. אָביעקטן, וואָס דער נאַצישער צורר האָט פאַרוואַנדלט אין פאַבריקן פון טויט, אין מצבות פון דעם ייִדישן יסורים־וועג און חורבן.

דעם 28־טן סעפטעמבער ווערט 60 יאָר זינט יענעם גיהנומדיקן טאָג, ווען באַבי יאַר, דאָס שיינע וועלדל הינטער דער הויפּט־שטאָט פון אוקראַיִנע, איז געוואָרן דער סימבאָל פון דער גרויזאַמסטער בעסטיאַלישקייט פונעם נאַצישן פעלקער־מאָרד, איַינשלינגענדיק די קער־פּערס פון פערציק טויזנט ייִדן פון קיִעוו, וואָס זענען דאָרט געוואָרן אכזריותדיק דערמאָרדעט און... באַפרוכ־טיקן די ערד פון דעם שיינעם שטילן קיִעווער וועלדל.

## אַריַין, אַרויס – און וואָס דערנאָך?...

דעם 27־טן סעפטעמבער ווערט געענדיקט אַ יאָר פון שרונס דעמאָנסטראַטיוון באַזוך אויפן "הר הבית", וואָס איז געווען דער סיגנאַל פאַרן אויסברוך פון דער "אינטיפאַדע פון על אַקסאַ". 130 טעג שפּעטער איז שרון געוואָרן אויסגעוויילט מיט אַ פּרעצעדענטלאָזער מערהייט ווי דער פּרעמיער־מיניסטער פון מדינת ישראל, אויפן סמך פון זיַין וואַל־לאָזונג, לויט וועלכן "נאָר שרון וועט ברענגען זיכערהייט און שלום", צו וועלכע דאָס פאָלק האָט נישט אויפגעהערט צו לעכצן.

ווייסן מיר דאָך ווי מיר האַלטן איצט מיט דער זיכער־הייט און מיטן שלום... אויב זיַינע אָנהיינגערס האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זיַין "בולדאָזערישן" אימאַזש, מיט וועלכן ער וועט שלאָגן די פּאַלעסטינער און ברענגען די ישועה – האָבן זיַינע אידעיִשע קעגנער געגלויבט, אַז ער האָט זיך געענדערט און וועט גיין אויף אַ פּשרה. און אויב די עפנטלעכקייט האָט אין "די ערשטע הונדערט טעג פון חסד" נאָך געצווייפלט צי האָט זיך שרון געענדערט אָדער נישט, האָט ער אַליין נאָך זיַין אויסוואַל פאַרזיכערט, אַז ער האָט זיך לחלוטין נישט געענדערט – אַ פאַרזיכערונג, וואָס האָט איינעקע באַרויִקט, די אַנדערע געשראָקן...

מיט זיַינע מעשים האָט שרון באַשטעטיקט דאָס ייִדישע פאָלקסווערטל, אַז "ווי איינער איז צו זיבן" אַזוי איז ער צו זיבעציק. געענדערט האָבן זיך נאָר די אומשטענדן.




כאָטש זיַין רײַכע דערפאַרונג האָט אים איבערצייגט, אַז עס איז נישטאָ קיין מיליטערישע לייזונג פאַר דעם פּאַ־לעסטינער קאָנפליקט מחמת דער "שוואַכקייט פון כּוח", האָט ער אָבער נישט געקענט זיך באַפרײַען פון דעם "לבנונישן מאָדעל",

קודם־כּל – מיט זיַין טאַקטיק פון איַינשלעפּערן זיַינע קריטיקערס און פאַרמאַסקירן זיַינע פּאָליטישע און מילי־טערישע כּוונות הינטער דעם שלײַער פון "מעסיקע גענג", מיט וועלכע ער הייבט אָן און אָנטוויקלט זיַינע סטראַטע־גיִשע אָפּעראַציעס. אויך הינטער ענלעכע מאָטיוון און לאָזונגען. אַזוי ווי ער האָט געעפנט מיט 29 יאָר צוריק די אָפּעראַציע פון "שלום הגליל" מיט דער פאַרזיכערונג, אַז זי איז געפּלאַנט נאָר אויף 48 שעה און אויף 40 קילאָ־מעטער אין לבנון – האָט ער איצט געפּלאַנט אַריַינצו־דרינגען מיט די טאַנקען אין בית דזשאַלאַ נאָר אויף קורצע שעהן און בערך נאָר 50 מעטער; אָבער אין גאַנג פון דער אַקציע האָט זיך פאַרלענגערט סײַ די צײַט און סײַ דער מהלך. נאָר די פּאָליטישע אומשטענדן און דער אַמערי־קאַנישער דרוק האָבן דיקטירט דעם צוריקטריט.

אויך דאָ האָט אים, קענטיק, באַוויזן דער ווילן צו העלפן די באַוואָלטע קריסטן אין דער שטאָט, די קרבנות פון דער מוסולמענישער מערהייט – אַזוי ווי דעמאָלט אין לבנון, העלפנדיק די דאָרטיקע קריסטן, "וועלכע לײַדן פון די מוסולמענער אַזוי ווי די ייִדן האָבן געליטן פון די נאַציס"... דאָס האָט שוין נישט ער געזאָגט, נאָר זיַין "באָס" און פאַרערער, מנחם בעגין. און, וואָס שײַך זיַין מינ״ג צו פאַרהוילן די מעשים, האָט דאָך טאַקע בעגין געהאַט געזאָגט וועגן דעם, אַז "טיילמאָל זאָגט ער מיר בשעת מעשה, און טיילמאָל ערשט לאחר המעשה"...

אויף דעם האָט זיך אויך באַקלאָגט שרונס איצטיקער שותף, שמעון פּרס. שרון איז זיכער אין זיַין נצחון. צי ווייסט אָבער דער פּרעמיער וואָס וועט זיַין נאָכן נצחון?

# אַרבעטלאָזע מיליאָנערן

מיט אַ יאָר צוריק זענען זיי געווען די גליקלעכסטע אויף דער וועלט: אַ גרופּע יונגע אינטעליגענטע "חברה" מיט אַקאַדעמישער בילדונג אויפן געביט פון דער מאָ־דערנער טעכנאָלאָגיע האָבן זוכה געווען צו רעאַליזירן דעם שענסטן חלום פון זייערע יוגנטלעכע אַמביציעס, וואָס עס האָט זיי אַנטקעגנגעטראָגן די גלאָבאַליזאַציע – מיט די לאָקנדיק־פאַרפירערישע הבטחות פון דעם אומ־ברחמנותדיקן מאָדערנעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ בשותפותדיקע געזעלשאַפט, וואָס האָט אויסגעאַרבעט דערפאָלגרײַכע פּראָיעקטן פון "הײַ־טעק" – פון הויכער טעכנאָלאָגיע, און אַ גיגאַנטישע אַמעריקאַנער פירמע האָט אָפּגעקויפט די יונגע ישראל־דיקע "סטאַרט־אַפּ" געזעלשאַפט מיט אירע פּראָיעקטן פאַר דער פאַנטאַסטישער סומע פון 4,8 ביליאָן (מיליאַרד) דאָלאַר.

די 140 אַרבעטער פון דער ישראלדיקער פירמע א"נ "כראָמאַטיס" זענען מיטאַמאָל געוואָרן מיליאָנערן – יעדער איינער האָט באַקומען 3,5 מיליאָן דאָלאַר פון דער אַמעריקאַנער פירמע א"נ *לוסענט* און זענען דאָ געבליבן אַרבעטן ווי אין אירס אַ ישראלדיקער אַגענטור, אַנטוויק־לענדיק נײַע חלומות פאַר אַ לעבן אָן זאָרגן – אַ לעבן פון מיליאָנערן – אין דער צוקונפט.

דער זיסער חלום פון די יונגע מענטשן האָט געדויערט ווייניקער ווי אַ יאָר. אין חודש אויגוסט זענען זיי אַלע געוואָרן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט און זיי דאַרפן אָנהייבן פון דאָס נײַ – ווײַל די אַמעריקאַנער פירמע וועלכע האָט זיי אַפּגעקויפט, האָט זיך געשלאָסן און באַזײַטיקט פון דער אָרבעט אירע 17.000 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין אַמעריקע און איבער דער גאָרער וועלט.

דער עקאָנאָמישער גיגאַנט *"לוסענט"* איז נישט דער איינציקער, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון דעם קריזיס אין דער "הײַטעק"־אינדוסטריע. די אמתדיקע קרבנות זענען די טויזנטער יונגע מענטשן, וואָס דער מאָדערנער אכזריותדיקער סיסטעם פון דער גלאָבאַליזאַציע מ'ט זײַנע אַגרעסיווע מעטאָדן פון דער פּריוואַטיזאַציע אד"גל, האָט זיי געשפּײַזט מיט חלומות און מיט "ווירטואַלע", ד"ה מיט נישט ממשותדיקע, ריווחים:

ווײַל – די 4,8 ביליאָן דאָלאַר וואָס די פּראָספּערי־רנדיקע אַמעריקאַנער פירמע *"לוסענט"* האָט מיט איינִיקע חדשים צוריק באַצאָלט דער געז. *כראָמאַטיס* אין ישראל בעת זי האָט די ישראלדיקע פירמע געקויפט, זענען אויס־געצאָלט געוואָרן נישט אין דאָלאַרן, נאָר אין... בערזע־אַקציעס פון "לוסענט", און די דאָזיקע אַקציעס זענען איצט שוין קיין גראָשן נישט ווערט.

פון דעם שיינעם גבירישן חלום האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. די 140 "ווירטועלע מיליאָנערן" זענען געבליבן ממשותדיקע קבצנים און האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער כסדר וואַקסנדיקער אַרמיי פון די אַרבעטלאָזע, צוזאַמען מיט נאָך טויזנטער אַנדערע יונגע מענטשן מיט אַקאַ־דעמישער בילדונג, מיט טעכנאָלאָגישער אויסבילדונג און מיט נישט רעאַליזירטע חלומות.

# אויך דער רב וויל ווערן אַ מיליאָנער

אַ רב וואָס גלייבט אין ביאת המשיח, און איז דערצו נאָך אַ פּאָליטיקער, אַ דעפּוטאַט אין דער כנסת – אַזאַ איינער גלייבט נישט אין קיין פּוסטע חלומות, כאָטש אויך ער האָט געוואָלט ווערן אַ מיליאָנער. פאַרוואָס טאַקע נישט?

דער כנסת־דעפּוטאַט און געוועזענער וויצע־מיניסטער הרב י. גמליאל פון ש"ס, האָט אויסגעפונען אַן אַנדערן פּאָרטל זיך צו באַרײַכערן: ער וויל פאַרקויפן דאָס בענקל וואָס אונטער זײַן געזעס אין דער כנסת.

וואָס אַן אמת, האָט ער אויך צו דעם נישט קיין חשק, ווײַל בלײַבן אַ דעפּוטאַט אין דער כנסת איז ווערט פאַר אים מער ווי דער מיליאָן שקלים, וואָס ער האָט פאַר דעם בענקל פאַרלאַנגט. אָבער כאָטש אויך אַ רב, איז ער נאָך אַלץ מחויב זיך אונטערצוּוואַרפן דער העכערער רבנישער אינסטאַנץ אין דער פּאַרטיי, דהײַנו דעם געוועזענעם "ראשון לציון" הרב עובדיה יוסף, וועלכער האָט געפּס־קנט, אַז נאָך דער האַלבער קאַדענץ דאַרף הרב גמליאל אָפּטרעטן זײַן מאַנדאַט אין דער כנסת דעם ווײַטערדיקן קאַנדידאַט אויף דער וואַל־רשימה פון ש"ס, לויטן ראָטאַ־ציע־אָפּמאַך, וואָס איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן צווישן זיי מיטן אויסגאַנג פון די וואַלן.

איז איצט טאַקע געקומען די צײַט, אָבער דעם חשובֿן רב גלוסט זיך נישט אָפּצוטרעטן קיינעם דאָס אָנגעוואַ־רעמטע בענקל אין דער כנסת. און ווען מען איז געקומען צו אים מאָנען דעם משכּון, האָט דער רב געמאַכט ויברח און מ'האָט אים חדשים לאַנג געזוכט אין די אומצאָליקע ישיבות, קור–ערטער און גדערע באַהעלטענישן פון דער פרומער תימנער עדה אין די אויסלאַנדס. ווען זײַנע פאַר־טײַישע ממונים האָבן אים ענדלעך אָפּגעפונען אַן אויס־באַהאַלטענעם אין לאַנד, האָט ער אַרויסגעשטעלט דעם הויכן פּרײַז פון אַ מיליאָן שקלים פאַר זײַן אויסגע־האָרעוועטן און אויסגעוואַרעמטן בענקל אין דער כנסת, ווי אַ "סאָציאַלע פאַרזיכערונג" פאַר דער צוקונפט... ער איז טאַקע געוואָרן אויסגעווײַלט פונעם פאָלק און פון דער השגחה, אָבער דאָס אַלץ מוז דאָך האָבן אויך אַ דעקונג.

רבקה באַסמאַן – בן־חיים

# ק. צעטניק - דער מענטש און זײַן רעטעניש

פאַר די לעבנגעבליבענע פון די נאַצישע לאַגערן פון פײַן און טויט גילט ניט דער באַגריף "ניצולי השואה", וואָס מיינט: די געראַטעוועטע פונעם חורבן, ווײַל די נשמה און אויך זייער גוף האָבן זיך קיינמאָל ניט געראַטעוועט. אַפילו אומבאַקאַנטערהייט האָבן זיי צווישן זיך אַ פאַרבונד ווי אָנגעהעריקע צו אַן אויסטערלישער קאַסטע, מיט אייגענע קאָדן, וואָס אַנדערע פאַרשטייען זיי ניט. דאָס איז אַ באַפעלקערונג מיט אַנדערע מאָסן צום אָרום און מיט אַ בליק פון גאָר אַן אַנדערן קוק־ווינקל אויף אַלץ וואָס געשעט.

סוף 40־ער יאָרן איז אין לאַנד ניט געווען קיין אויסזיכט פאַר אַ וועלכן ניט איז דיאַלאָג צווישן די צוריקגעקומענע פון "דאָרטן" און דער מערהייט ישראלדיקער באַפעלקערונג, וואָס האָט טיילמאָל געלאָזט הערן האַרבע רייד אויפן אַדרעס פון די "געראַטעוועטע", אָנשטאָט מיטגעפיל און, ווער רעדט נאָך, מיטלײַד. האָט אַיעדער אין זײַן ווינקל, אויף זײַן אופן, זיך געמוזט פאַרמעסטן וויאַזוי צו געפינען אַ תיקון נאָך די אוממענטשלעכע איבערלעבונגען און טאַטויִרטע גרוילן. ניט יעדן איינעם איז עס געלונגען.

ק. צעטניק, אַליין אַ פאַרשיקטער קיין אוישוויץ, איז געווען פון די ערשטע, וואָס ער האָט מיט זײַנע באַשרײַבונגען ווי מיט אַן אַלאַרם־גלאָק אַלאַרמירט צו דער וועלט וועגן דעם גיהנום פון חורבן, און ער האָט ווי אויף אַן עקראַן אַנטפּלעקט די דערשיטערנדיקע מאָרד־ און גרויל־טאַטן פון די נאַציס, פאַרשריבן אין פינצטערע שורות, ווי אויסגעהאַמערט אויף אַזאַ פרעציזן אופן, אַז ניט יעדער האָט געהאַט דעם כּוח זיך אַראָפּצוטונקען אין זייער אָפּגרונט.

אַ באַלאָדענעם מיט אַזאַ בלוטיקן גרויל־באַגאַזש איז געווען זייער שווער צו דערקענען זײַן אייגענע געשטאַלט. ער אַליין האָט זיך געלאָזט דערקענען בלויז ווי דורך אַ מיסטעריעזן פאָרהאַנג, וואָס פאַרטושט די שטריכן פון דער געשטאַלט, אַזוי האָט ער מיט זיך פאָרגעשטעלט מער ווי איין אידענטיטעט, מער ווי איין געבוירן־דאַטע, מער ווי איין נאָמען: יחיאל פײַנער פון דער היים, צי קאַראָל צעטינסקי, צי גאָר יחיאל ק. צעטניק די־נור, אָדער ק. צעטניק. קיין איינציקער פּרט אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע, אַפילו די צאָל די יאָרן איז ניט איינדײַטיק. חוץ דעם פאַקט פון חורבן, וואָס האָט באַוועלטיקט זײַן גאַנצן וועזן און האָט ניט געלאָזט און ניט צוגעלאָזט קיין פּיצל אָרט וואָס נאָכדעם פאַר קיין אַנדערער לעבנס־רעאַליטעט. די מיסטעריע אַרום זײַן געשטאַלט האָט אָנגעהאַלטן ביז צו זײַן טויט – און אויך דאַן האָט ער געבעטן דעם טויט זײַנעם פאַרשווײַגן.

ק. צעטניק איז געווען אַ שרײַבער, און אַ גרויסער שרײַבער, וואָס זײַן איינציקע טעמאַטיק איז געווען – דער גרוילמאָרד, וועלכן די נאַציס האָבן אונדז אָנגעטאָן אינעם חורבן. דער גרויל־נאַראַטיוו אין זײַנע באַשרײַבונגען מיט זייער אומגלייבלעכער רעאַלקייט, וואָס ער, ווי אַן אמתער עדות און קרבן, איז בײַגעווען דאָרט, אין דער פײַערדיקער נאַצי־ליאַווע, וועלכע האָט פאַרברענט און פאַרטיליקט.

ק. צעטניק האָט איבערגעלאָזט ביכער, וואָס זײַנען דערשינען אין 20 שפּראַכן און איז געווען וועלט־באַרימט. זײַנע ביכער: "סאַלאַמאַנדראַ" – 1946, "דאָס הויז פון די לאַלקעס" (1953), "דער זייגער איבערן קאָפּ", (1960), "פּיפּל" (1961), "דער שטערן פון אַש" און "זאַמד פון אַש" (1966) האָבן אויפגעטרייסלט דאָס געוויסן פון דער גלײַכגילטיקער וועלט.

אָנהייב 70־ער יאָרן איז ק. צעטניק געפאָרן קיין האָלאַנד, אין דער שטאָט לײַדן (אַזוי ווי אַ סימבאָלישער נאָמען) אַדורכצוגיין אַ גאָר נײַע, דעמאָלט אַ קאָנטראָווערסאַלע, באַהאַנדלונג, אַ פּאָסט־טראַומאַטישע היילונג, וואָס דורך ל.ס.די. פלעגט ער אַרײַן אין אַ טראַנס, און אַזויאַרום פּרטימדיק אַרויסדערציילן זײַנע איבערלעבונגען. די דאָזיקע באַהאַנדלונג האָט אים אַליין אַנטפּלעקט "דאָס שוידערלעכסטע פון אַלע שוידער" – וועגן דעם האָט ער געשריבן מיט צען יאָר שפּעטער אין זײַן בוך "שיוויתי".

ווי אַן עדות אויפן אײַכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים אין יאָר 1961 האָט ער בעתן עדות־זאָגן נישט אויסגעהאַלטן און געחלשט. ער האָט אָנגערופן אוישוויץ "אַן אַנדערער פּלאַנעט", ווו לויט אים האָט די צײַט דאָרט געהאַט אַן אַנדערן גאַנג. מענטשן האָבן ניט געהאַט דאָרט קיין עלטערן, קיין קינדער, זיי האָבן געאָטעמט לויט אַנדערע נאַטור־געזעצן, און זייער נאָמען איז געווען – אַ נומער. מיט דער צײַט האָט ער געביטן אויך דעם באַגריף "דער אַנדערער פּלאַנעט". אפשר איז ער נאָך זײַן פּאָסט־טראַומאַטישער באַהאַנדלונג אין האָלאַנד געווען מער בכּוח די געשעענע גרוילן אַריבערצופירן ניט אין קיין אויסגעטראַכטער וועלט, נאָר דווקא אין אַ וועלט, ווו די זעלבע מענטשן וואָס לעבן אומעטום, האָבן געקענט אויסטראַכטן און אויספירן אַזעלכע אויסערמענטשלעכע גרויליקע האַנדלונגען.

שווער צום פאַרשטיין פאַרוואָס איז ק.צעטניק תמיד אַנטלאָפן פון זיך צו זיך, ווי זוכנדיק אַ באַהעלטעניש אין זײַנע פאַרשיידענע נעמען און געשטאַלטן? איז עס געווען אַ טיפער פחד־געפיל פאַר די נאַצישע פאַרפאָלגונגען,

וואָס האָט אים געטריבן אינסטינקטיוו זוכן כּסדר אַ פֿאַרהוילונג לעבן צו בלײַבן, צי אפֿשר זײַן טיפֿער שולד־ געפֿיל פֿון אַ געראַטעוועטן, וואָס אַ נאָרמאַל לעבן קאָן פֿאַר אים ווערן אַ שטראָף? זײַן נשמה־לאַבירינט וועט מען קיינמאָל זיך זיכער ניט באַגרײַפֿן. איין זאַך, וואָס איז נאָך אים פֿאַרבליבן דײַטלעך און איינדײַטיק: זײַן בלו־ טיקע שבֿועה צו די דערמאָרדעטע און פֿאַרפּײַניקטע אין אוישוויץ און אין די נאַצישע קאַצעטן, אַז ער, ק. צעטניק, דער עדות פֿון זייער ווײ, וועט קיין איינעם פֿון זיי קיינמאָל ניט פֿאַרלאָזן, קיין איינעם פֿון זיי ניט פֿאַר־ שווײַגן ביז צו זײַן לעצטן אָטעם, און אויך נאָך דעם.

אויך אונדזער יידישער זכּרון וועט געדענקען אים און זײַן גבֿורהדיקן פֿאַרמעסט צו קענען אַנטפּלעקן די דורכגעלעבטע גרוילן, אַרײַנשרײַען זיי אין דעם וועלט־באַוווסטזײַן און וואָ־ענען קעגן אַזאַ מענטשן־קאַטאַקליזם.

ק. צעטניק איז פֿון די איינציקע שרײַבער אין דעם זשאַנער, וואָס האָט ווי דורך אַ קאָסמישן געבאָט סטאַביל ממשיך געווען אין דער צײַט־בײַטעניש אַרײַנשרײַבן די אויף אייביק פֿאַרפּײַניקטע נאַצי־ צײַט.

רבֿקה באַסמאַן – בן־חיים

**דערמאָנונג**

מיט געדאַנקען ווי כ׳פֿלעג שרײַבן לידער,
וויינען לי־ער,
שווײַגן לידער
אויפֿן רויטן ברוק.
געדענקען מיך בײַם שטעכלפּלויט,
פֿון שטעכלשפּיצן אויסגעטאַטויִרט
מײַן יונגע הויט,
צו זען אַ פֿעדעמל פֿון זונפֿאַרגאַנג,
פֿון אייגענעם פֿאַרגאַנג אין לעצטער זון.
געזונגען האָב איך דעמאָלט
און מײַן ליד –
געווען איז אונדזער זון.

פֿון בוך "אָנרירן די צײַט"
פֿאַרלאַג "ישׂראל־בוך"
תּל־אבֿיבֿ, 1988

שׂמחה סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

# דאָס ליד וואָס איז נישט געוואָרן פֿאַרשטומט

מרדכי געבירטיג, דער אָרעמער מעבל־פֿאָליטורער פֿון קראָקע, האָט זיך זיכער נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז צענדליקער יאָרן נאָך זײַן טויט וועלן אַרויסקומען אַזעלכע פֿאַרנעמיקע און טײַערע אויסגאַבעס פֿון זײַנע לידער, און אַז עס וועלן געשריבן און געדרוקט ווערן אַזוי פֿיל עסייען, אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם טרובאַדור פֿון דעם ייִדישן שטייגער־ליד – און וועגן דער עצם דערשיינונג, וואָס רופֿט זיך: מרדכי געבירטיג.

געבירטיגס ערלעכע און האַרציקע געזאַנגען זענען נישט פֿאַר־ שטומט געוואָרן דורך דער קויל פֿון דעם דײַטשישן סאָלדאַט, וואָס האָט אים דערשאָסן אויפֿן וועג צום וואַגאָן, וועלכער האָט אַוועק־ געפֿירט זײַנע נאָענטע אין טויטן־לאַגער פֿון בעלזשעץ. זײַנע לידער ווערן געזונגען, געלערנט און געפֿאָרשט, און זיי ווערן אויך איבער־ געזעצט אויף אַ סך לשונות.

דאָס לעבן פֿון מרדכי געבירטיג איז געוואָרן פֿאַרשניטן אין יוני 1942. דאָס געשטאַלט פֿון דעם קראָקעווער ייִדישן פֿאָלקס־דיכטער אינטריגירט, באַגײַסטערט און באַגײַסטערט ביז הײַנט צו טאָג אַ סך ייִדישע און נישט־ייִדישע פֿאָרשער און מוזיקאָלאָגן. גלײַך נאָך דער היטלער־מלחמה, אין 1946, האָט די צענטראַלע ייִדישע קאָמיסיע בײַם צ.ק פֿון די פּוילישע ייִדן אַרויסגעגעבן אין קראָקע אַ קליינע לידער־זאַמלונג פֿון געבירטיגס שאַפֿונגען אין קראָקעווער געטאָ און אין לאַגעווניקי, א"נ *עס ברענט*. אין 1948 איז די זאַמלונג געוואָרן אײַנגעשלאָסן אין דער פֿאַרגרעסערטער אויסגאַבע פֿון געבירטיגס לידער, וואָס דער קולטור־ און דערציִונגס־דעפּאַרטאַמענט פֿון אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק האָט געהאַט פּובליקירט אין *1942*. די־אָ פֿולע אויסגאַבע פֿון געבירטיגס דרײַ לידער־זאַמלונגען, צוזאַמען מיט דער מוזיק, איז איבערגעדרוקט געוואָרן דורך דעם י.ל. פּרץ־ פֿאַרלאַג אין תּל־אָבֿיבֿ אין יאָר 1986.

דער שיזח פֿון דער געבירטיג־פֿאָרשונג האָט זיך היפּשלעך אויסגעברייטערט מיט אַרויסקום פֿון *מײַן פֿײַפֿעלע – אומבאַקאַנטע לידער* (תּל־אָבֿיבֿ 1997), וואָס שליסט אײַן 80 ביז דעמאָלט אומבאַ־ קאַנטע פּאָעטישע שאַפֿונגען, וואָס זענען אויפֿגעזאַמלט געוואָרן פֿון די אַרכיוון אין קיבוצישן סעמינאַר אין גבֿעת חבֿיבֿה, אין ישׂראל, און אין ייִוואָ אין ניו־יאָרק דורך **נתן גראָס**. די לידער, געשריבן לרובֿ פֿאַר און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואַרפֿן אַ נײַ ליכט אויף געבירטיגס אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט. זיי באַווײַזן, אַז שוין אין זײַנע יונגע יאָרן איז געבירטיג געווען אַ קעמפֿערישער דיכטער, וואָס האָט געשאַפֿן און פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער אַרבעטער־פּרעסע דעקלאַראַטיווע סאָציאַליסטישע לידער, אַזעלכע ווי: *דער געוועזאַל־ שטרײַק*, *דער ערשטער מאַי*, און פֿון ענלעכן כאַראַקטער. זײַן סאָציאַ־ ליסטישער באַוווסטזײַן איז געווען געפּאָרט מיט אַ שאַרפֿן אַנטימיליי־ טאַריזם וועלכער קומט צום אויסדרוק אין לידער, וואָס זאַרדאַ־ מען די מלחמה־ספּעקולאַנטן, ווי אויך מלחמה־העלדן, וואָס זייערע

מעדאַלן באַצייכנט ער ווי "מערדערישע קין־צייכנס".

געבירטיגס לידער האָבן אַרויסגערופן די נײַגעריקייט אויך בײַ נישט־ייִדישע פאָרשער, וואָס זענען אינספּירירט געוואָרן פון זײַנע שאַפונגען, ווי אויך פון זײַן לעבן און מאַרטירער־טויט. איבערזעצונגען פון זײַנע לידער זענען דערשינען אין העברעיִש, פּויליש און אין אַ צאָל אַנדערע שפּראַכן.

אַ פולע אויסגאַבע פון די קרוב 90 שוין באַקאַנטע לידער זײַנע האָט אַרויסגעגעבן אין אַ גרויסן פאָרמאַט און האַרטן אײַנבינד דער דײַטשישער זינגער און קאָמפּאָזיטאָר **מאַנפרעד לעם** אין יאָר 1992 א"נ *מרדכי געבירטיגס ייִדישע לידער*. די זאַמלונג איז דערשינען אין עטלעכע אויפלאַגעס. זי שליסט איין די אָריגינעלע ייִדישע טעקסטן באַגלייט מיט אַ לאַטייִנישער טראַנסליטעראַציע און מיט אַ פרײַער דײַטשישער איבערזעצונג. די מערסטע לידער זענען באַגלייט מיט די מעלאָדיעס, וואָס געבירטיג אַליין האָט געשאַפן, און צו זיי זענען צוגעגעבן געוואָרן נאָך 20 מעלאָדיעס, וואָס מאַנפרעד לעם האָט אָנגעשריבן צו די נישט מעלאָדירטע לידער. דאָס בוך איז אויך באַגלייט מיט הקדמות, אין דײַטש, וועגן געבירטיגס לעבן און שאַפן, ווי אויך וועגן מאַנפרעד לעמס וועג צו געבירטיגס שאַפונגען. אויסער דעם בוך האָט דער דײַטשער זינגער מיט זײַן מוזיקאַלישן אַנסאַמבל אַרויסגעגעבן צוויי דיסקן מיט איבער 50 לידער פון דעם ייִדישן פאָלקס־דיכטער. ער פירט אויך אָן מיט סעמינאַרן, אינטערנאַציאָנאַלע קינדערכאָרן און געבירטיג־רעציטאַלן אין דײַטשלאַנד און אין אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער. אויך אין ישׂראל.

אַן ענלעכע פולע זאַמלונג פון געבירטיגס לידער איז דערשינען אין איטאַליע א"נ *לעמ׳ עקאַנצאָני* ("מײַנע לידער", פלאָרענץ 1997) רעדאַגירט און מיט אַ הקדמה פון דעם באַקאַנטן איטאַליענישן מוזיקער **רודי אַסונטינאָ**. דאָ ווערן די לידער געבראַכט בלויז אין לאַטייִנישער טראַנסליטעראַציע, מיט אַן איטאַליענישער איבערזעצונג און מיט געבירטיגס מוזיק. עס איז אויך דערשינען אַ קאַסעט מיט געבירטיגס לידער, געזונגען פון דריי באַקאַנטע איטאַליענישע זינגער אויף אַ ספּעציעלן קאָנצערט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין רוים צום דערשײַנען פון דער געדרוקטער אויסגאַבע.

פאַר דעם ענגליש רעדנדיקן עולם זענען געבירטיגס לידער געוואָרן פּאָפּולאַריזירט דורך דעם לידער־בוך *מיר טראָגן אַ געזאַנג* פון **חנה און יוסף מלאָטעק**, דערשינען אין 1977 אין ניו־יאָרק. אין דיזער זאַמלונג זענען אַרײַן 16 פון געבירטיגס באַליבטע לידער, באַגלייט מיט קורצע אינהאַלט־סומירונגען אין ענגליש.

ווײַזט אויס, אַז דאָס איז נישט געווען גענוג צו באַקענען די ענגליש רעדנדיקע עפנטלעכקייט מיט דער גאַנצער גאַמע פון געבירטיגס שאַפונגען. דעם־אָ בלויז האָבן אויסגעפילט פיר נײַע געבירטיג־אַנטאָלאָגיעס: פון וועלוול פאַסטערנאַק, גערטרוד שנײַדער, סיני לײַכטער און שמחה סימכאָוויטש, דעם שרײַבער פון אָט די שורות. **וועלוול פאַסטערנאַק** איז אַ באַקאַנטער אַמעריקאַנער מוזיקער, דער צונויפשטעלער פון עטלעכע ביכער פון ייִדישער מוזיק. דאָס נײַע בוך זײַנס א"נ *דאָס מרדכי געבירטיג געזאַנגבוך*, איז דערשינען אין די פאַר. שטאַטן אין יאָר 1998, האָט 128 זײַטן, גרויסער פאָרמאַט און אַנטהאַלט 54 לידער אין ייִדיש, מיט אַ לאַטייִנישער טראַנסליטעראַציע, מיט געבירטיגס אָריגינעלע מעלאָדיעס אין וועלוול פאַסטערנאַקס באַאַרבעטונג, און מיט אינהאַלט־קיצורים פון די לידער אין ענגליש. דער אויסוואַל פון די לידער איז גוט צוגעפּאַסט פאַר די כאָרן. צום סוף פונעם בוך קומען פיר מוזיקטעקסטן פון געבירטיגס לידער – אין דער מוזיקאַלישער באַאַרבעטונג פון די קאָמפּאָזיטאָרן העניִ **לעווקאָוויטש, שלום סעקונדאַ, האַרי אַניק און עדוואַרד קאַלענדאַר**.

נאָך מער אַמביציעז איז דאָס צווייטע בוך א"נ *מרדכי געבירטיג: זײַן פּאָעטישע און מוזיקאַלישע ירושה*, אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע אינעם יאָר 2000. דאָס בוך פון 208 זײַטן, אין גרויסן פאָרמאַט מיט האַרטע טאָוולען, איז רעדאַגירט פון פּראָפ' **גערטרוד שנײַדער** און אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דער "נײַער קראָקעווער פרײַנדשאַפט־געזעלשאַפט" אין ניו־יאָרק. אַנטהאַלט אויך אַ טייל פון די נײַ־אַנטפּלעקטע לידער, גענומען פון נתן גראָסעס "מײַן פײַפעלע", מיט ענגלישע איבערזעצונגען פון **שׂרה ראָזען**, די אויטאָרין פון אַ גרעסערן עסיי וועגן געבירטיגס לעבן און שאַפן.

די סאַמע פאָרנעמיקסטע געבירטיג־אַנטאָלאָגיע איז אָן ספק די פון **סיני לײַכטער**, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ דרײַשפּראַכיקער פּראַכט־אויסגאַבע דורך דעם מאַגנעס־פאַרלאַג בײַם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, 2000 ווי דער פינפטער באַנד **פון דער אַלגעמיינער** *אַנטאָלאָגיע פון ייִדישע פאָלקס־לידער*, 430 זײַטן. דער גרויסאַרטיקער באַנד איז כּולו געווידמעט געבירטיגן און אַנטהאַלט אַלע זײַנע לידער, מיט זייער לאַטייִנישער טראַנסליטעראַציע און מעלאָדיק, גלענצנדיקע העברעיִשע איבערזעצונגען פון **משה סחר**, און עטוואָס ווייניקער געלונגענע ענגלישע איבערזעצונגען פון הדסה **האַסקאַלע** און **סאָל ליבגאָט**. אויסער די הקדמות פון **סיני לײַכטער** איז די זאַמלונג באַרײַכערט מיט די אַרײַנפיר־ווערטער פון דעם מוזיקאָלאָג **ישׂשכר פאַטער** און אייניקע אַנדערע מומחים פון ייִדישן פאָלקלאָר און מוזיק, אין די דרײַ לשונות פון דער אַנטאָלאָגיע, צוזאַמען מיט רשימות פון די לידער, פלאַטן און דיסקן מיט געבירטיגס געזאַנגען, ווי אויך אַ היפּשע ביבליאָגראַפיע.

די גאָר לעצטע געבירטיג־אַנטאָלאָגיע, אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון **שמחה סימכאָוויטש**, אַנטהאַלט 88 צוגעקליבענע לידער פון דעם טריבאַדור פון ייִדישן געזאַנג. דערשינען א"נ The Song That Never Died אין פאַרלאַג Mosaic Press אין טאָראָנטאָ 2001, אַנטהאַלט די אויסגאַבע אַ גרעסערן עסיי פון 15 זײַטן פון דעם מחבר פונעם בוך, ווי אויך אומפאַנגלעכע ביאָ־ביבליאָגראַפישע פּרטים וועגן מרדכי געבירטיגס לעבן און שאַפן.

אַ קינסטלערישע רעפּרעזענטאַציע פון דער געבירטיג־שאַפונג האָט געבראַכט דער ישׂראלדיקער טעאַטער "ייִדישפּיל" אויפפירנדיק די מוזיקאַלישע פּיעסע פון העברעיִשן דראַמאַטורג און רעזשיסער **יהושע סאָבאָל** א"נ *אַ האַרץ וואָס בענקט נאָך לידער*.

טראָץ דער רוצחישער קויל פון דעם דײַטשישן סאָלדאַט און דעם היטלערישן אויסראָטונגס־צוג קעגן דעם ייִדישן פאָלק איז דאָס ליד פון מרדכי געבירטיג נישט געוואָרן פאַרשטומט.

אהרן שפּירא

# די הייליקע שכינה איבער דער מדינה

ווען די "לעבנס־פראַגן" וועלן אָנקומען צו די לייענערס, וועט די ייִדישע וועלט זײַן אַרײַנגעטון אין די פּאָרכטיקע טעג פון ראש השנה און יום כּיפּור. ייִדן וועלן אויספילן די שילן, שטיבלעך און בתּי־מדרשים מיט זייערע געבעטן, אַז דער רבּונו של־עולם זאָל זײַ באַשענקען מיט אַ גוט און געבענטשט יאָר.

אין די תּפילות בעת די צוויי ימים טובים רעכענען ייִדן אויס אַ לאַנגע רשימה פון מעלות, וואָס עס פאַרמאָגט דער כּביכול. אין איינער פון די תּפילות זאָגט זיך: "וכל מאמינים שהוא לבדו, הוא הממליך ולו המלוכה" (און אַלע גלייבן, אַז ער אַליין קרוינט די מלכים, און די מלוכה געהערט צו אים").

דער־אָ פראַגמענט איז מיר געקומען אויפן געדאַנק לייענענדיק אין דער היגער פּרעסע וועגן דעם "באָבאַ רענטגען" – הרב יעקב־ישראל איפערגאַן פון שטעטל נתיבות, אויפן נגב. מען רופט אים "באָבאַ רענטגען", ווײַל ער שטעלט פעסט קראַנקהייטס־דיאַגנאָזן מיט אַ בלויזן קוק אין פּנים אַרײַן פונעם קראַנקן.

כּמעט די גאַנצע אָנפירנדיקע עליטע פון דער מדינה, בראש מיטן מדינה־פּרעזידענט, זענען בײַ אים גאָר אָפטע אײַנגייערס. מ'קומט צו אים הערן נבואות, באַראַטן זיך אין געשעפטלעכע ענינים און באַוווּנדערן די נסים, וועלכע ער באַווײַזט. די באַזוכערס שלינגען דורשטיק יעדעס אַרויסגעזאָגטע וואָרט פון זײַן הייליקן מויל, און זיי האָבן אים שוין געקרוינט מיטן טיטל "איש אלהים" – גאָטס מענטש"...

וויאַזוי האָט עס הרב יעקב־ישראל איפערגאַן – "רענטגען" – זוכה געווען צו ווערן דעם אויבערשטנס באַפולמעכטיקטער אויף דער זינדיקער וועלט? איז די מעשה אַזאַ:

מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק האָט דער רבּונו־של־עולם געזוכט אַ פאָלק צו זײַן מיט אים קנעפּל שבקנעפּל. איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן די פעלקער וואָס ער האָט באַשאַפן און האָט פון זיי אַלע אויסגעווײלט, ווי באַוווּסט, די ייִדן.

אין די ערשטע צײַטן פלעגט דער רבּונו־של־עולם זיך מטריח זײַן בכבודו ובעצמו אַראָפּצוקומען פון הימל און פלעגט חבריש זיך אויסטענהן מיט זײַנע אויסדערוויילטע. ער פלעגט זיי לערנען מצוות און געבן אָנווײַזונגען וויאַזוי אַן אויסערוויילט פאָלק דאַרף זיך פירן, כּדי צו זײַן ראוי אָט דעם גרויסן כּבוד און צו זײַן פאַן־בראַט מיטן באַשעפער. די דאָזיקע אידיליע צווישן זיי האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די ייִדן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומקריגן צווישן זיך. דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן דעם באַשעפער, און דער האָט זיך צעבייזערט און האָט אָנגערייצט אויף זיי די רוימער, וועלכע האָבן פאַרטריבן די ייִדן אין גלות. דאָרט האָבן זיי אויף אַ מינוט נישט אויפגעהערט צו בעטן בײַ זייער טאַטן אין הימל – דאַוונען דרײַ מאָל אַ טאָג, זאָגן תּהילים און אָפּריכטן תּעניתים, לערנען תּורה און געבן צדקה און מיט כּלערליי אַנדערע מעשים טובים זיך אײַנבעטן ער זאָל אויף זיי רחמנות האָבן און אויסלייזן פון ביטערן גלות. און כאָטש ער האָט שוין צוריקגעקערט די ייִדן זייער מדינה, האָט ער זיי אָבער זיך נאָך אַלץ אויף זיי נישט מרחם געווען און נאָך אַלץ זיי דעם צוגעזאָגטן משיח נישט געשיקט.

דער רבּונו־של־עולם, אויף וועמען דער פּסוק זאָגט, אַז "לא ינום ולא ישן שומר ישראל", שטייט אָבער כּסדר אויף דער וואַך, ער שלאָפט נישט און גיט אַכטונג, אַז זײַן אויסדערווײלט פאָלק זאָל גיין אויפן גלײַכן וועג. ער אַליין, פאַרשטייט זיך, קען זיך דערמיט נישט באַשעפטיקן, טוט ער דאָס דורך זײַנע שליחים די צדיקים, וואָס ער שיקט אַראָפּ פונעם הימל. דירעקט רעדן מיט די צדיקים, ווי בכלל מיט מענטשן, ווי ער פלעגט דאָס טון פאַרן חורבן פון בית־המקדש, רעדט ער נישט. ער האַלט אָבער אָן מיט זיי דעם קאָנטאַקט דורך דער שכינה, וואָס ער שיקט צו זיי מיט דער הילף פונעם חלום (צדיקים, ווי באַוווּסט, חלומען אַ סך). ווען אַ צדיק איז ראוי, שטעקט די שכינה אים אָן מיט רוח הקדוש, און דאָן שפּרודלט דער צדיק מיט געטלעכער חכמה, ער זאָגט נבואות און באַווײַזט נסים.

עס איז איבעריק אויסצורעכענען די אומצאָליקע נסים ונפלאות, וואָס די צדיקים האָבן לענגאויס דער ייִדישער געשיכטע באַוויזן, ווערנדיק אָנגעשטעקט דורך דער שכינה מיטן רוח הקדוש. עס איז אָבער כּדאַי צו פאַרצייכענען, אַז זינט עס איז אויפגעקומען די ייִדישע מדינה, האָט דער אייבערשטער אונדז אַראָפּגעשיקט פון הימל אַ היבשע צאָל צדיקים באַשטראַלטע פונעם רוח הקדוש. דער רבּי מנחם-מענדל שניאורסאָן, דער לובאַוויטשער רבּי, האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל רוח־הקדוש, אַז די חסידים האָבן אים געקרוינט אַלס דעם "מלך המשיח", נישט מער און נישט ווייניקער. צו דער אָליגאַרכיע פון די צדיקים, וואָס זענען באַקרוינט געוואָרן מיט רוח הקדוש, האָבן מיט דער צײַט זיך אָנגעשלאָסן די מקובלים: הרב ישראל כּדורי, דער באבא ברוך אבי-חצירא, הרב יצחק בצו׳י און הרב עובדיה יוסף.

אגב, דער לעצטער איז דער גײַסטיקער מנהיג פון דער ספרדישער ש"ס־באַוועגונג און ער צייכנט זיך אויס מיט זײַן באַזונדערס שפּרודלדיקער חכמה. זײַנע היסטאָרישע פּסיקות וועגן דעם צי מען מעג שבת דלובען אין דער נאָז אַד"גל האָבן אים שוין באַרימט געמאַכט אין דער ייִדישער וועלט. דער לעצטער פּערל פון חכמה, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון זײַן שעפערישן מוח ערב חמשה עשר באב, דעם טראַדיציאָנעלן יום־טוב פון ליבע, איז געווען די עצה פאַר זײַנע צאן־קדושים זיי זאָלן נעמען נאָר שיינע ווײַבער, ווײַל – "ווער עס האָט חתונה מיט אַ ווײַב וואָס האָט אַ נאָז ווי אַן אַרבוז, וועט בײַ איר געבוירן ווערן קינד אַן אוגערקע"...

לעצטנס איז דעם גײַסטיקן מנהיג געקומען צו חלום משיח בכבודו ובעצמו און האָט אים צוגעזאָגט, אַז גאָר בקרוב בימינו וועט קומען משיח בן דוד און וועט אָפּשיקן אַלע אַראַבער אין גיהנום.

וואָס שײַך אָבער הרב רענטגען – דעם רב יעקב־ישראל איפערגאַן, איז משיח אים נישט געקומען צו חלום. אַ סברה, אַז ער בענקט גאָרנישט אַזוי שטאַרק נאָך משיחן. וואָרעם – זינט די שכינה האָט אים אָנגעשטעקט מיטן רוח הקדוש, חכמה און נבואה, גייט עס אים מיט פּרנסה, אַזוי אויף אַלע ייִדן געזאָגט! אין לויף פון צען יאָר האָט ער זיך אויפגעבויט אַ לוקסוס־ווילע, געקויפט צוויי נײַע קאַרס

פאַר זיך און פאַר זײַן ווײַב – און באַשעפּטיקט סטאַביל אַ שאָפער.

ס'איז קיין ווונדער' נישט. לויט ווי די צײַטונגען דערציילן, שטייען בײַם צדיק אין דער ריי די אָנגעזעענסטע פּאָליטיקער, כּנסת־דעפּוטאַטן, אַפילו מיניסטאָרן, הויכע מיליטערלײַט, פּאַרטיי־מנהיגים, ריכטער און פּראָקוראָרן, דאָקטוירים און געשעפטס־לײַט, אַרטיסטן און, פאַרשטייט זיך, אויך קראַנקע – כּדי אָנצוקומען צו אים נאָך אַן עצה, אַ גוט וואָרט אָדער אַ ברכה. ווײַל לויט ווי לײַטן זאָגן, באַווײַזט ער נסים, הײַלט אויס מענטשן און שטעלט־אויף אינוואַלידן צוריק אויף די פיס.

דער מדינה־פּרעזידענט משה קצב, למשל, פלעגט, זײַענדיק נאָך אַ פּשוטער כּנסת־דעפּוטאַט, באַזוכן דעם הייליקן צדיק. דער האָט אים געבענטשט און האָט אים אָן ספק געהאָלפן אויסגעוויילט צו ווערן ווי דער נשיא.

דעם ריכטער פון העכסטן געריכט, יעקב טורקל, האָט מען נישט איין מאָל געזען באַזוכן דאָס הויז פון הרב איפּערגאַן, דעם "רב רענטגען". דער פרידנס־ריכטער דוד מגן פון באר־שבע און זײַן פרוי, אַדוו. חנה מגן, די פאַרטרעטערין פונעם הויפּט־פּראָקוראָר איבערן דרום פון לאַנד – ביידע זענען חסידים פון דעם צדיק, באַטייליקן זיך סטאַבי' אין זײַנע שבתדיקע סעודות אאַ"וו.

ווי עס שרײַבט דער "ידיעות אחרונות" געהערן צו די באַזוכערס פון דעם צדיק הרב איפּערגאַן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי: פּרעמיער אריאל שרון (געווען בײַ אים צוויי מאָל), דער געוו. מיניסטער יצחק מרדכי (אין גאַנג פון זײַן שאַנד־משפּט פלעגט ער באַזוכן שפּעט אין די נעכט), אברהם בורג (נאָך זײַן אויסוואַל אַלס פאָרזיצער פון דער כּנסת), אַ"אַנד.

איין מאָל אין יאָר אָרדנט אײַן דער צדיק אַ "הילולה" (פון אַראַמעיִש: אַ חגיגה) פאַר פאַרבעטענע געסט אין אַ 50 ביז 70 געדונגענע צימערן אין האָטעל "הורדים" אין אַ פּריוואַטיק־צונאַכט, צו 550 ש"ח פאַר אַ צימער – לרוב אויפן חשבון פון די געסט. אין די דאָזיקע הילולות האָבן זיך ביז איצט באַטייליקט, לויט דער רעוועלאַציע פון דער צײַטונג, בנימין נתניהו, דער מנהיג פון מפד"ל שאול יהלום און אַ צאָל פירנדיקע חשובע און אָנגעזעענע אנשי־ציבור. בעת אַן עפנטלעכן קאָנקורס־פאַרקויף פון ברכות אין אַזאַ "הילולה" האָט "הרב רענטגען" אײַנקאַסירט אויפן אָרט אַנדערטהאַלבן מיליאָן שקלים.

אַז מען באַקענט זיך מיט די דאָזיקע פאַקטן און פירונגען ווערט קלאָר ווער עס איז דער פאַקטישער באַלעבאָס אין דער מדינה, און עס ווערט אויך פאַרשטענדלעך דער פראַגמענט פון דער תּפילה, וועלכע מען זאָגט בײַם דאַווענען ראש השנה און יום־כּיפּור:

"וכל מאמינים שהוא לבד, והוא הממליך מלכים ולו המלוכה"...

*

**טאָמער האָסטו געטוישט דײַן אַדרעס —**
**גיב אונדז גלײַך צו וויסן!**

## *ווענגן יידיש אין די שולן:*

**פון דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פאַר יידישער קולטור** ווערט איבערגעגעבן, אַז נאָך אַן אינטערווענץ פון דער אינסטאַנץ בײַם בילדונגס־מיניסטעריום קעגן מבטל־מאַכן די שעהן פאַרן יידיש־לימוד איז די גזירה געוואָרן אָפּגערופן און דער לימוד וועט ווערן פאָרגעזעצט אין די ראַמען פון די באַשטימטע 201 שעה אַ וואָך פאַר די עטלעכע צענדליק קלאַסן, אין וועלכע די שפּראַך ווערט געלערנט.

מיטן דורכפירן די בודזשעט־קירצונגען אין בילדונגס־מיניסטעריום, האָט די מיניסטאָרין פאַר דערציִונג און בילדונג געהאַט באַשלאָסן אײַנצופלעכטן די 201 שעהן פאַר יידיש אין דער ראַם פון די 6000 שעה, באַשטימטע פאַר די לימודים פון "יידישקייט" אין די מלוכישע שולן. נאָך אַ צאָל באַראַטונגען פון דעם כּלל־פאַרוואַלטער פון דער אינסטאַנץ פאַר יידיש מיט דער אָנפירונג פון מיניסטעריום איז רעזומירט געוואָרן, אַז די אינסטאַנץ וועט איבערנעמען די אויפזיכט איבער דעם יידיש־לימוד און צו דעם צוועק וועלן אײַנגעשטעלט ווערן – אַ פּראָפעסיאָנעלע קאָמיסיע, בראש פון וועלכער עס וועט שטיין **פּראָפ' חוה טורנאַנסקי** פון העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, און אַן אַדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע, בראָש מיטן כּלל־פאַרוואַלטער פון דער יידיש־אינסטאַנץ, **מלך זיו**. די אינסטאַנץ וועט אויך קענען פאַרלײַגן פּראָגראַמען ווענגן יידיש אויך פאַר די שעהן ווענגן יידישקייט און יידישער טראַדיציע – מחוץ די באַזונדערע (אגב, זייער מאָגערע) שעהן פאַרן לימוד פון יידיש (לשון, געזאַנג, פאָלקלאָר און ליטעראַטור).

## *דער 13־טער יערלעכער סעמינאַר פאַר*
## *יידיש־לימוד אין מזרח־אייראָפּע*

איז דורכגעפירט געוואָרן פון דעם 24־טן יולי ביזן 20־טן אויגוסט אין דער אוקראַיִנישער שטאָט וויניצע, מיטן אָנטייל פון 82 תּלמידים פון ייִנגערן עלטער. זיי זענען געקומען פון רוסלאַנד, אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד, מאָלדאַוויע, פּוילן און איינער אויך פון ווײַטן יאַפּאַן און האָבן אין משך פון די דרײַ וואָכן פון אינטענסיווע לימודים שטודירט יידישע שפּראַך, ליטעראַטור, פאָלקלאָר, לעקסיקאָלאָגיע, טראַדיציע, דראַמע און געזאַנג.

דער סעמינאַר איז הײַנטיקס יאָר אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם **ש.א. קלורמאַן־פאָנד (מיאַמי) פאַר יידיש און יידישקייט אין מזרח־אייראָפּע** און דער **נאַצ. אינסטאַנץ פאַר יידישער קולטור** אין ישראל. עס איז געווען ביז גאָר סימבאָליש וואָס דער סעמינאַר איז פאָרגעקומען אויפן אָרט ווו די נאַציס האָבן בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געהאַט אויסגעבויט אַן אונטערערדישן בונקער פאַר היטלערן.

דער סעמינאַר האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ ספּעציעלן לערן־טור אין פּאָדאָליע און בוקאָווינע, "אין די פוסטריט פון די גרינדער פון חסידות און פון יידישע שרײַבער". געשלאָסן האָט ער זיך מיט אַ פײַערלעכן קאָנצערט – אין דער אָנוועזנהייט פון די פאָרשטייערס פון דער וויניצער יידישער קהילה און פון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, ווי אויך פון דער אוקראַיִנישער טעלעוויזיע.

דוד וואָלפּע / יאָהאַנעסבורג

# „פּאָטערסטאָג" - אין אַ טאָג על-פּי טראַף

*אַ מתּנה פֿאַר אַלטע לייענער*

*'טם יונגן פּאָטערסטאָג*

די וואָך האָב איך עס געטאָן, אַזוי ווי כ'האָב שוין לאַנג געהאַט געפּלאַנט: אַרויסגעכאַפּט אַ טאָג על־פּי טראַף. ס'איז געווען אין מיטן יוני. פֿאַרצייכנט די דאַטע אין מײַן העפֿטל. 6 אינדערפֿרי אויפֿשטיין. רעקאָרדירן אַ פֿולן טאָג. פֿאַרן שלאָפֿן גיין האָב איך אײַנגעחזרט אַ פּראָגראַם, מיט קאָדן, כּדי צו געדענקען, פֿון אַ טאָג אַקטיוויטעטן. הנאהדיק רויִק געשלאָפֿן. און ווען כ'האָב זיך אַ ריס געטאָן פֿונעם זיסן שלאָף מיט אַן „אוי־ווײ, שפּעט!" – האָבן שוין זונשטראַלן געפּיקט די שויבן, און איבער מיר האָט אַ גזלן מיט אַ פּאָספּאָר־ציפּערדיקער צורה געדרייט זיך מיט צוויי חלפֿדיקע ווײַזערס.

דערשלאָגן און פֿאַרדראָסיק האָב איך שוין גאָרנישט ניט געדענקט. קוים געפֿונען ס'העפֿטל און די פּען, וואָס זע־נען געלעגן ממש פֿאַר די אויגן. זיך צוגעזעצט צום טיש. אָט וועל איך אַ רגע טראַכטן, אפֿשר וועט זיך אַרויסליכטיקן אין זיכּרון דאָס פֿון נעכטן פֿאַרגרייטע גוטס. אָבער דער מוח איז לחלוטין אויסגעליידיקט, ווי אַ פּוסטע צוזאַמענגעפֿאַלענע חורבה.

מיטאַמאָל האָט די זון אַרײַנגעפּלייצט אין פֿענצטער ווי אַ בריליאַנטענער ליכטקוואַל, און אין איין סעקונדע רויסגעווישט פֿון מײַן געמיט די שאָטנדיקע שטימונגען. ווּן איז דאָך געווען אין מײַנע פֿינצטערע טעג די רפֿואה צום לעבן, דער סם החיים, די מעדיצין פֿון לעבן.

אין אַ רגע בין איך שוין אויפֿגעלייגט און די פֿרייד טוט מיך מונטער אַ הייב. אָבער ווי תּמיד אין אַזאַ עקס־טאַז־מאָמענט יאַוועט זיך מײַן אומפֿאַרגינערישער מלאך און שטעלט מיר אונטער אַ האַרטן פֿליגל. נאָר דאָס מאָל פֿאַל איך ניט אַראָפּ, ווײַל זײַנע שליחים זענען גראָד מײַנע קינדער, וואָס לויפֿן אָן מיט אַ געוודער, מיט אַ לאַך און שפּאַס. און איך דערמאָן זיך וואָס עס איז, נאָך איידער זיי זינגען אויס אין אַ כאָר: פּאַטערסדעי! דו, פֿאַרגעסער...

און שוין בין איך אין דער אַרבעט: מע שלעפּט דעם כאַלאַט פֿון מײַנע פּלייצעס און מע טוט מיך אָן אין יום־טובדיקע בגדים, ווי כ'וואָלט דאַרפֿן גיין אויף אַ באַל. און זיי האָבן הנאה פֿון דעם קאָמישן פֿאָרשפּיל.

דער עלטסטער זון דאָ, וואָס איז דער צערעמאָניע־מײַסטער, טוט אַ ווונק, און אַלע שאַרן זיך אַרויס. און ער דערציילט מיר סודותדיק, אַז ער האָט פֿאַרבעטן די גאַנצע וועלט און – ער האַלט זי אין זײַן קאַדילאַק אין דרייסן אַזוי ווי זי שטייט און גייט. ווײַל דער משפּחה־ראַט איז זיכער אַז איך בין נאָך אַלץ פֿאַרכליאָבעט אין דער וועלט ביז איבער די טויבע אויערן.

כ'וויל זיך צעגוואַלדעווען, צעשרײַען, אַז איך קען זי מער ניט פֿאַרטראָגן, אָט די פֿאַסקודנע פֿאַררעטערישע וועלט, וואָס האָט אונדז אויסגעליפֿערט אויף הפֿקר צום ברוינעם מאָנסטער־רוצח מיט די שוואַרצע וואָנצקעלעך. אָבער מײַן זונס וואַרעמע האַנט וואָס גלעט מײַן שולטער, האַלט מײַן צונג אויף אַ שלאָס און כ'קען דאָס מויל ניט עפֿענען. און געלאַסן שטיל פּרובירט ער מיר איבעררעדן, אַז די וועלט איז אין דעם נײַעם מילעניום אַן אומגעביטענע, אַ דעמאָקראַטיש־פּלאַנעטאַרע פֿײַנע פֿרײַלין. די באַרימטסטע גרעסטע לײַט שמייכלען צו איר.

שווײַג איך שוין. מיר געפֿעלט די קאַפּויערדיקייט ווי אַ זון רעדט דעם אַלטן טאַטן אַ שידוך. און ער גיט צו, אַז מיר לעבן אין אַ מאָדערנער צײַט און מיר זאַרפֿן די וועלט אויפֿ־נעמען מיט אַן אָפֿענעם מײַנד. און איידער איך באַווײַז נאָך צו עפֿענען מײַן „מײַנד", עפֿנט זיך די טיר, און פּנים־אל־פּנים מיט מיר בלײַבט שטיין דער נאַקעטער אמת אויף די העכסטע סטילעט־אָפּצאַסן, אַזש איר איבערגעפֿאַרבטע בלאָנדע פֿריזור באַרירט שיעור נישט די סטעליע... אויף איר אָרעם – אַ גאָלדענער באַנד מיט דער דיאַמענטענער צווייִקער ציפֿער: 01, דאָס מיינט: זי איז קוים אַ יאָר יונג. איך קוק זי אָן פֿאַרבליפֿט און עס שווינדלט מיר פֿאַר די אויגן. מײַנע קני ווערן ווייך, און מײַן זון רוקט מיר אונטער אַ שטול.

אַ דערשטוינטער האָב איך געוואָרפֿן אַ זײַטיקן בליק אויף מײַן אומדערוואַרטן גאַסט. זי איז ערשט געקומען פֿונעם פּלאַסטיק־וואַרשטאַט ווי אַ נײַ רעמאָנטירטער גילגול פֿון אַ מילעניום.

איך האָב געפֿילט אַן עכאָ פֿון אַן אויפֿגעוועקטן רויש פֿון אַ ווײַטן אַמאָל אין מײַן לעבן, און אויף דער צונג דעם קוים־טעם פֿון אַ זיסן נאַשוואַרג.

אַ ווײַליטשקע בין איך פֿאַרזונקען אין אַ מיראַזשיק פֿאַרצײַטיקער וועלט. אַן אַלטע מאַמישע האַנט האָט מיך צאַרט געגלעט, און אַ נאָסטאַלגיש קול האָט מיר אין אויער געפֿליסטערט:

געווען איז אַמאָל אַ חלום.

---

**ליבער פֿרײַנד יצחק לודען,**

דער 50־יאָריקער יובל פֿון די „לעבנס־פֿראַגן" איז אַ גרויסער יום־טוב פֿאַר אונדז, פֿאַר די וועמען עס איז טײַער די ייִדישע קולטור אין ישׂראל.

און היות ווי דאָס איז אויך אַ קלאָרער אויסדרוק פֿון אײַער איבער־געגעבנקייט און ענערגיע, ווינטש איך אײַך נאָך אַ סך יאָרן און אַ סך שעפֿערישן כּוח ממשיך צו זײַן אָט די געבענטשטע אַרבעט.

מיט חברישן גרוס –

**מרדכי שטיינבערג**, חיפה

ד״ר כאַריסטאָן בערמאַן / ביעלאַצערקאָוו

# ”פאַרגעסט ניט דעם געשמאַקן וואָלינער ייִדיש“

## זכרונות וועגן שלום אַשן

איז דער לעצטער צײַט מערקן מיר גינסטיקערע באַדינגונגען פאַר אַ באַנײַטן המשך פון דער ייִדישער קולטור אין אוקראַיִנע. די דאָזיקע טענדענץ ווערט ווירקזאַמער אין זכות פון דעם שטײַגנדיקן אינטערעס פאַר דער ייִדישער שפּראַך און קולטור צווישן דער יוגנט און אויך בײַ ייִדן פון עלטערן דור, וועלכע זענען אין משך פון צענדליקער יאָרן געוואָרן דערווײַטערט און אָפּגעפרעמדט פון ייִדישן קולטור־לעבן.

איך דערמאָן זיך מיט אַ סך בענקשאַפט אין מײַנע שול־יאָרן אין דער וואָלינער שטאָט ראָוונע, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו פּוילן, און הײַנט איז עס מערב־אוקראַיִנע. און אין דעם ”אַלבאָם“ פון מײַנע דערמאָנונגען פאַרנעמט אַ באַזונדער בכבודיק אָרט דער באַזוך פון דעם באַרימטן פּראָזאַיִקער שלום אַש אין אונדזער שטאָט.

איך געדענק אַזוי ווי הײַנט וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין דער שטאָט אַרום אָט דעם באַזוך. הונדערטער ייִדן פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך פון וואָלין זײַנען געקומען קיין ראָוונע אים צו זען און צו הערן. ער איז געקומען אַהין אויף דער אײַנלאַדונג פון דעם רעדאַקטאָר פון דער וואָכנשריפט ”וואָלינער נײַעס“, אַ. בורד, און פון נ. מאַרקוזע, רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער טאָגצײַטונג ”דער וואָלינער ייִדישער קוריער“.

אויפן ראָוונער באַן־וואָקזאַל האָבן זיך יענעם טאָג פאַרזאַמלט עטלעכע טויזנט מענטשן. דער עולם איז באַשטאַנען פון דער אָרטיקער ייִדישער אינטעליגענץ, גימנאַזיסטן, און דער עיקר עמך – צווישן זיי אַפילו די קרעפטיקע ראָוונער קצבים, פאַר וועמען אויך די ענדע־קישע כוליגאַנעס האָבן געציטערט אויס מורא.

דעם גאַסט, וועלכער איז געווען באַקאַנט אויך אין די קרײַזן פון דער פּוילישער אינטעליגענץ אין זכות פון זײַנע איבערגעזעצטע ווערק, האָט באַגריסט דער בירגער־מײַסטער פון ראָוונע, טאַדעוש וואָלקאָוו. מען האָט שלום אַשן אײַנגעאָרדנט ממש אַ קעניגלעכן קבלת־פּנים אינעם זאַפּראַן־טעאַטער, און אינאָווגט איז די גאַס אויפן נאָמען פון דער דרײַצנטער דיוויזיע, וווּ דאָס טעאַטער האָט זיך געפונען, געווען שוואַרץ פון מענטשן. די פּוילישע פּאָלי־צײַ איז געשטאַנען נעבן דעם אַרײַנגאַנג און דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט. עולם איז געשטאַנען אין די דורכגענג, די ”גאַלעריע“, צו וועלכער איך און מײַנע חברים פון דער גימנאַזיע האָבן זיך דערשלאָגן, איז געווען אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז עס איז קוים געווען וווּ צו שטיין.

ווי נאָר דער שרײַבער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. שלום אַש האָט פאָרגעלייענט פראַגמענטן פון זײַן טרילאָגיע ”פּעטערבורג, וואַרשע, מאָסקווע“, ווי אויך פון ”מאָטקע גנב“. פראַגמענטן פון דעם קינאָ־פילם ”אָנקל מאָזעס“, וועלכן מ׳האָט געבראַכט פון אַמעריקע, זענען געוויזן געוואָרן אויפן גרויסן עקראַן, וואָס איז געווען אויפגעצויגן אויף דער בינה.

אויפן פאַרלאַנג פון דעם עולם האָט ער געגעבן אויפקלערונגען וועגן זײַן באַרימטער דראַמע ”גאָט פון נקמה“, וואָס האָט געפונען אַ ברייטן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּקלאַנג און איז געשפּילט געוואָרן דורך דעם רוסישן טעאַטער אין פאַרשיידענע שטעט פון אייראָפּע.

געלייענט האָט שלום אַש זײַנע פראַגמענטן אַזוי ווי ער האָט גערעדט – אין דעם פּויליש־ייִדישן דיאַלעקט פון זײַן היימשטאָט קוטנע, דאָרט וווּ ”די ווײַסל האָט גערעדט ייִדיש“... איז גראָד געשען, אַז איינער פון די צוהערערס אין זאַל האָט זיך, נעבעך, צעהוסט. דער שרײַבער האָט איבערגעריסן דאָס לייענען און, זייענדיק אויסער זיך, האָט ער אויסגערופן: ”שטיל זאָל זײַן! פירט אים אַרויס! אַז מען לייענט אויף ייִדיש, דאַרף הערשן אַזא שטילקייט, אַז מען זאָל אַפילו אַ קליין ווינטעלע נישט פילן! ווײַל ייִדיש דאַרף מען אויפנעמען מיטן גאַנצן האַרץ און מיט דער נשמה!“ – און ער האָט צוגעגעבן: ”פאַרגעסט נישט, אַז ייִדיש איז דער אוצר פון ייִדישן פאָלק!“

* * *

לכּבוד דעם גרויסן גאַסט איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסער באַנקעט, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט מײַן מוטער ראָזאַ בערמאַן ז״ל, אַ זייער שיינע יונגע פרוי, אַ גרזעלשאַפטלעכע טוערין. זי האָט מיך מיטגענומען צום באַנקעט. דער איבערגעפולטער זאַל האָט ווידער באַגעגנט דעם גאַסט מיט הייסע אָוואַציעס.

עס איז נאָך אַלץ פריש אין מײַן זכּרון – נאָך אַזוי פיל אָפּגעלאָפענע יאָרן – ווי שלום אַש האָט גערעדט, און איך דערמאָן זיך זײַנע ווערטער, וואָס ער האָט צוגעזאָגט:

”ס׳איז טאַקע זייער גוט וואָס איך זע אויף די טישן – דעם געשמאַקן וואָלינער שטרודל, דעם שיינעם קוגל; פאַרגעסט אָבער נישט, מײַנע טײַערע, אויך דעם זייער געשמאַקן וואָלינער ייִדיש. רעדט ייִדיש, די שפּראַך, אויף וועלכער עס האָבן הונדערטער יאָרן גערעדט אונדזערע אבות“...

קלמן פּאַלגער

# וועגן טשערנאָוויץ - מיט יידיש...

## (פון מײַנע טשערנאָוויצער זכרונות)

### לעצטער (דריטער) אָפּשניט

פון צווישן די גר׳נדער פון דעם "שולפאַראיין" זענען דאָן שוין אייניקע געווען אַוועק אין דער אייביקייט, און בראש פון זיי – אליעזר שטיינבאַרג. אין דער נײַער אָנפירונג זענען געווען חיים גיניגער, איציק שוואַרץ, שמחה שוואַרץ און הערש סעגאַל. פון צווישן די וויכטיקע באַזוכערס פון יענער צײַט זענען בײַ מיר פאַרגעדענקט אין זכרון משולם סורקיס, אבנר באַראַק, פּײַוויש שוסטער, שאַפּיר און ד"ר גדעון קראַפּט. אויך איציק מאַנגערס ברודער נטע און די שוועסטער שײַנדל פלעגן אַרײַנקומען אין "שולפאַראיין" ווען זיי זענען געווען אין טשערנאָוויץ.

מײַן חלק אין דער טעטיקייט פון דעם שולפאַראיין איז באַשטאַנען אין דער באַטייליקונג אינעם סעמינאַר פאַר יידישער ליטעראַטור, ווי אויך אין טעאַטער־קרײַז א"נ "קאַמילאָן" און אין אויסהערן רעפעראַטן וועגן ליטעראַטור און קונסט. ווען קיין טשערנאָוויץ איז געקומען פון בוקאַרעשט, אין די אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, דער באַרימטער שטערנבערג־טעאַטער מיט אַ רעוויו־ספּעקטאַקל, האָבן די אָנפירערס פון דעם טעאַטער זיך געוואָנדן צום "שולפאַראיין", אַז זיי נייטיקן זיך אין סטאַטיסטן. איך בין דעמאָלט געווען צווישן די וואָס האָבן זיך אָנגעמאָלדן ׳ונטיילצונעמען אין דעם ספּעקטאַקל. מיר, די סטאַטיסטן, זענען געווען באַגײַסטערט, אָבער דער עולם איז געבליבן גלײַכ־ גילטיק. כּדי צו דערמונטערן דעם עולם און אַרײַנצוברענגען מער שטימונג אין זאַל, האָבן מיר, נאָכן אויספירן אונדזערע ראָלן, זיך אויסגעמישט מיטן פובליקום און געלאַכט אויפן הויכן קול ווען עס האָט זיך פאַרלאַנגט, און אויך שטאַרק אַפּלאָדירט...

דער "שולפאַראיין" האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיטן "מאַגנרויט" אויף פאַרשיידענע געביטן. אייניקע אויפפירונגען פון "שולפאַראיין" זענען געמאַכט געוואָרן אין זאַל פון "מאַרגנרויט". היימישע צוזאַמענטרעפן זענען פאַרגעקומען אין דער שטוב פון מײַן ברודער פּײַוויש שוסטער און זײַן פרוי חנה. עס פלעגן קומען יונגע שרײַבער, קינסטלער און פשוטע אַרבעטער. מען האָט רעציטירט, געזונגען און אויך דיסקוטירט.

אין יענע יאָרן האָבן געשטעלט זייערע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור די שפּעטער גוט באַקאַנטע שרײַבער און דיכטער פריד ווײַנינגער, אליעזר פאָדריאַטשיק, יעקב פרידמאַן, יוסף בורג, דער קאָמפּאָזיטאָר לייבו לעווין, דער קינסטלער איזיו שערף א.אַנד. זיי האָבן זיך אַלע באַטייל׳קט אין די דאָזיקע היימישע צוזאַמענטרעפן.

מײַן ברודערס חלום איז געווען – טעאַטער. ער האָט געשטרעבט צו זײַן אַן אַקטיאָר. כּדי דאָס צו דערגרײַכן, האָט מען געדאַרפט לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו די קונסט איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער מלוכה – אַזוי האָבן אַלע געגלויבט. דעריבער האָט מײַן ברודער זיך אָנגעשלאָסן צו אַ גרופּע, וואָס האָט געשוואַרצט די גרענעץ קיין ראַטנפאַרבאַנד. דער סוף איז באַוווסט: זיי זענען געווען פון די ערשטע קרבנות פון אָט דער מלוכישער "זאָרג".

עס קומען, אָנהייבנדיק פון די סוף דרײַסיקער יאָרן, די שווערע און גורלדיקע יאָרן פאַר טשערנאָוויץ. אין 1937 איז אויפגעקומען אין רומעניע די פאַשיסטישע רעגירונג, אין 1940 ווערט טשערנאָוויץ אָקופּירט פון קאָמוניסטישן ראַטנרוסלאַנד, און אין יוני 1941 ברעכט אויס די סאָוויעטיש־דײַטשישע מ׳לחמה. טשערנאָוויץ ווערט ווידער באַזעצט פון רומעניע, און דאָס ב־ענגט מיט זיך דעם חורבן פון יידישן טשערנאָוויץ. הײַנט געהערט די דאָזיקע שטאָט, די הויפּט־שטאָט פון בוקאָווינע, וועלכע האָט אַדורכגעמאַכט אומצאָליקע אומוואַנדלונגען אונטער פרעמדע הערשאַפטן – צו דער אוקראַיִני־שער רעפּובליק. פון דעם ברויזנדיקן יידישן יישוב, וועלכער האָט אין יאָר 1940, ערב דער סאָוויעטיש־דײַטשער מלחמה געציילט 55.000 נפשות – מער ווי אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג – איז פאַרבליבן אַ קליינטשיקער יישוב פון אַן ערך 4.000 יידן, די מערסטע פון זיי אָנגעפאָרענע פון אַנדערע ערטער. הײַנט לעבט דאָרט און איז אַקטיוו דער יידישער שרײַבער יוסף בורג.

פון ד׳ ניצול־געוואָרענע טשערנאָוויצער יידן זענען מאַנכע עולה געווען קיין ישראל. צווישן זיי דער רוב פון די פריִער אויס־גערעכנטע יידישע קולטור־שאַפערס, וועלכע זענען געווען דער אַקטיוועו׳ קערן פון דער יידישער ליטעראַטור אין טשערנאָוויץ, און האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט קיין ישראל דעם שעפערישן גײַסט, וואָס האָט געשפּײַזט אויך די היגע ׳קולטור־טעטיקייט אין די ערשטע דרײַ־פיר צענדליק יאָרן פון דער מ׳ינה. זיי האָבן דאָ פאַרעפנטלעכט זייערע שאַפונגען און אַרויסגעגעבן ביכער, און די מערסטע פון זיי זענען באַלוינט געוואָרן מיט דער מאַנגער־פרעמיע און מיט דער פרעמיע אויפן נאָמען פון די טשערנאָוויצער קולט־ר־אַקטיוויסטן, די ברידער הערש און גרשון סעגאַל, וואָס איז דאָ עטאַבלירט געוואָרן דורך ד׳ טשערנאָוויצער יידיש־אַקטיוויסטן און ווערט הײַנט אָנגע־פירט פון דעם פאַרוואַלטער פונעם פרץ־פאַרלאַג ישראל שטיין און פון דעם לאַנגיאָריקן אַקטיוויסט פון "בית ראשונים" און פון פרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב, ד"ר גדעון קראַפּט. ער איז דער זון פון חיים קראַפּט, וועלכער איז געווען איינער פון די גרינדער פונעם "שולפאַראיין" און אַן אַקטיוויסט פון פועלי־ציון אין טשערנאָוויץ. אויך דער שרײַבער פון די דאָזיקע טשערנאָוויצער זכרונות האָט געהאַט דעם זכות באַלוינט צו ווערן מ׳ט דער פרעמיע א"נ פון די ברידער הערש און גרשון סעגאַל.

די דאָזיקע דרײַ אַקטיוויסטן זענען הײַנט, אייגנטלעך, דאָס אײַנ־ציקע לעבנגעבליבענע רעשטל פון דער רומפולער פלעיאַדע טשערנאָוויצער יידישע קולטור־שאַפע־ס – אָנהייבנדיק פון איציק מאַנגערן, ביז דעם ליטעראַטור־פאָ׳ שער אליעזר פאָדריאַטשיק, דעם לעצטן קרבן פון דעם מלאך המוות איבער דעם רומפולן שעפערישן טשערנאָוויצער יידישן שבט.

☆

# לילקע מײַזנער - צו אירע גבורות

לילקע מײַזנער ציט איר יחוס פון אַ בונדישער משפחה – ברוך פנחס און העלען נוטקעוויטש. בײדע זײַנען געווען ענטוזיאַסטישע אָנפירערס פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין פאַרמלחמהדיקן לאָדזש און האָבן געגעבן זייערע קינדער אַ וועלטלעכע דערציִונג. זייער שטוב איז תמיד געווען פול מיט פאַרטיי־חברים און פרײַנד.

לילקע איז געבוירן געוואָרן דעם 30־טן אָקטאָבער 1921 און איז צו אירע זעקס יאָר אָנגעקומען אין דער בונדישער ייִדיש־וועלטלע־כער מעדעם־שול אין לאָדזש. דאָרט האָבן די לערער, אַחוץ די גע־ווײנלעכע לימודים געלערנט די קינדער הומאַנישע ווערטן און מאָראַלישע אויפפירונג – ווי זאָרגן פאַר די שוואַכע, זײַן פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר זיך און אויך פאַר אַנדערע. מיט גרויס ליבשאַפט דערמאָנט לילקע די ׳ערער און די שולע, וועלכע איז געווען די קוזניע, וואָס האָט געשטאַלטיקט איר פּערזענלעכקייט. נאָכן פאַר־ענדיקן די פאָלקס־שולע אין 1933 טרעט זי אַרײַן אין דער פריוואַטער לאָדזשער אַבֿ־גימנאַזיע, און פאַרענדיקט זי מיט דערפאָלג אין 1938.

ווען לילקע איז אַלט געווען 14 יאָר, האָט זי פאַרלאָרן די מאַמע, און אויף אירע שמאָלע אַקסלען איז פאַרבליבן די זאָרג פאַר איר טאַטן און איר ייִנגערן ברודערל עלעק. דעם טאַטן האָט זי פאַרלאָרן שוין אין דער צײַט פון דער היטלער־מלחמה, אין 1940. ער איז גע־שטאָרבן פון טיפוס אין נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פּיאָטריקאָוו. פון אים האָט לילקע איבערגענומען אויך די זאָרג פאַר חברים און פרײַנד, באַזונדערס פאַר איר איינציקן ברודער.

אין דעם צוואַנגס־וואַנדער פון לאַגער צו לאַגער זענען לילקע און איר ברודער, ווי לעבעדיקע סקעליעטן, אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אין אָקטאָבער 1944 אין דער פאַבריק פון טויט – קיין אוישוויץ. גראָד דאָרט איז מיט לילקען געשען אַ נס. אַ הויל־נאַקעטע איז זי געשטאַנען אין דער ריי קעגנאיבער דעם מאַסן–רוצח ד״ר מענגעלע, וועלכער האָט געפסקנט מי לחיים ומי למוות. ווען מענגעלע האָט בעת דער סעלעקציע ז יר אָנגעוויזן מיט זײַן פינגער אויף רעכטס, צו דער גאַז־קאַמער, האָט איר לאַגער־״שיועסטער״ רישאַ זי פאַר־שטעלט און אַרויסגעשטופּט פון דער ריי – אויף לינקס.

פון אוישוויץ איז לילקע געוואָרן טראַנספּאָרטירט קיין בערגען־בעלזען, פון וואַנען זי איז דעם 15־טן אַפּריל 1945 באַפרײַט געוואָרן דורך דער ענגלישער אַרמיי. אַ קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע האָט זי איר דעראָבערטע פרײַהײַט אָנגעהויבן אין שפּיטאָל. ווי נאָר זי איז געוואָרן געזונט, האָט זי דאָס ערשטע זיך גענומען העלפן די קראַנקע און האָט אויך געמאַכט באַמיִונגען צו העלפן די מענטשן אין זייערע ערשטע טריט אינעם באַנײַטן לעבן, דורך אויפזוכן זייערע נאָענטע. אויף דעם אופן האָט אויך לילקע אָפּגעפונען איר מאַן, שלוימע, ווײַלכן זי האָט פאַרלוירן אויף אייביק מיט צוויי יאָר צוריק.

פון בערגען־בעלזען האָבן די מײַזנערס אומלעגאַל זיך ״אַריבער־געפּעקלט״ קיין בריסל און דאָרט האָבן זיך בײדע אַרײַנגעוואָרפן אינעם אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין יאָר 1950 האָבן לילקע און שלוימע, מיט דער הילף פון זייערע אָפּגעפונענע חברים און פרײַנט, עמיגרירט קיין אַמעריקע, געלעבט אין באָסטאָן, דערנאָך אין דעטראָיִט, און אין 1954 זיך באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס.

דאָ האָט לילקע פאַרווירקלעכט איר טרוים ווײַטער צו לערנען און לערנען אַנדערע. זי האָט שטודירט יודאַיִסטיק אויפן לאָס־אַנדזשע־לעסער אוניווערסיטעט און האָט גראַדויִרט אַלס לערערין. אין משך פון 24 יאָר איז זי געווען אַ לערערין אין צוויי נערסינג־שולן. אין דער זעלבער צײַט האָט זי ממשיך געווען איר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און איז באַזונדערס געווען אַקטיוו בײַם אויפשטעלן דעם חוו׳בן־מוזיי אין לאָס־אַנדזשעלעס.

לילקע מײַזנער טרעט אויף מיט לעקציעס אויף פאַרשיידענע טעמעס – דער עיקר וועגן חורבן און ייִדישער קולטור – אין אוניווערסיטעטן און אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן, אין ייִדישע און אויך נישט־ייִדישע קלובן, אינסטיטוציעס, אין שילן און טעמפּלען נישט נאָר אין אמעריקע, נאָר אויך בעת אירע באַזוכן אין קאַנאַדע און אַפילו אין ווײַטן אויסטראַליע.

מיט איר ספּעציפישן אָראַטאָרישן סטיל נעמט זי שטאַרק אויס בײַם פובליקום און אירע אויפטריטן רופן אַלעמאָל אַרויס אַ באַזונ־דערן אינטערעס און דערפאָלג. זי צייכנט אויך זיך אויס מיט איר ספּעציפישן לירישן סטיל אין אירע אַרטיקלען, וואָס אייניקע פון זיי דערשײַנען פון צײַט צו צײַט אויך אין די ״לעבנס־פראַגן״ און אין ניו־יאָרקער ״אונדזער צײַט״, דעם צענטראַלן אָרגאַן פונעם וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון ״בונד״, אין וועלכן זי איז אַ מיטגליד.

איר עסיי א״נ *איך האָב דיך געזוכט*, וועלכן זי האָט פאַרעפנט־לעכט אין יאָר 1981, נאָך דעם ווי זי האָט זיך באַטייליקט אינעם וועלט־צוזאַמענפאָר פון די שארית הפליטה, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים, איז געקומען צום אויסדרוק איר אומפאַרגעסלעכער חורבן־ווייטיק, צוזאַמען מיט איר שטאָלץ און ליבע צו די לעבנ־געבליבענע, וואָס האָבן מיט זייער שווייס און בלוט באַנעצט די אוראַלטע ערד פון ישראל און אויפגעבויט זייער לאַנד. אייניצײַטיק איז אָט דער עסיי פאַר לילקען אַ מין קדיש און רעקוויעם נאָך די פאַרשניטענע. זי פאַרענדיקט אים מיט די פאָלגנדיקע שורות: ״אַזאַ לאַנגער וועג איז פון חורבן צום או פקום. איר זײַט אַלע געווען - מיר זײַנען אַלע געווען - צוזאַמען, לעבעדיקע און טויטע, צוזאַמען״.

לילקע מײַזנער פאַרנעמט אַן אָנגעזעען און בכּבודיק אָרט אינעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס־אַנדזשעלעס. זי איז געבליבן אַ געטרײַע און אַקטיווע בונדיסטקע. אין די לעצטע 13 יאָר איז זי אויך די פאָרזיצערין פון דעם לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדישן קולטור־קלוב און אַ מיטגליד אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דער ליטעראַרישער צײַטשריפט ״חשבון״.

אָפּמערקנדיק לילקעס ווירדיקן יובל, ווינטשן מיר איר – אירע אַלע חברים און פרײַנד – אריכות ימים, נחת פון איר טאָכטער און אייניקלעך, געזונט, און יאָרן פון שעפערישן דערפאָלג אין איר געזעלשאַפטלעכער, ליטעראַרישער און דערציִערישער טעטיקײט.

משה וואָלף

פאָרטלאַנד, אָרעגאָן

טובה בן־צבי

# וועגן דעם אַנדערן פוילן

די שפורן און וואָרצלען פון דער ייִדישער "אָנוועזנ־הייט" אויף דער פּוילישער ערד ציִען זיך שוין אויף אַ צײַט־מהלך פון קרוב טויזנט יאָר; ייִדישע קהילות זענען אויפגעקומען אין פּוילן אין 13־טן און אין 14־טן י"ה, און מיטן וווּקס און געשטאַלטונג פון דעם קאָמפּאַקטן ייִדישן ישוב אין פּוילן אין משך פון דעם לעצטן האַלבן יאָרטויזנט האָט זיך אויך געשטאַלטיקט דער באַגריף "**דאָס פּוילישע ייִדנטום**" – מיט אַלע זײַנע אַטריבוטן פון אַ צעמענטירטער און שפּרודלדיק־שעפערישער נאַציאָנאַלער עדה.

די פאַרהעלטענישן צווישן דער ייִדישער עדה און אירע פּוילישע שכנים האָבן במשך פון אָט דער צײַט אַדורכגעמאַכט פאַרשיידעניע זיך בײַטנדיקע תקופות פון פרײַנטשאַפט און פון פײַנטשאַפט, ביז וואַנען די שווערד פון דעם חורבן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם בליִענדיקן ייִדישן יישוב.

דער צעווילדעוועטער פּוילישער אַנטיסמיטיזם און זײַנע דערשיטערנדיקע רעזולטאַטן האָבן אָנגעלייגט אַ שווערן אָפּזאַץ פון פאַרדרוסן און ווייטיקן אין די הערצער פון דער שארית הפליטה, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייער היימלאַנד מיט זייער צוגעטריבטן האַב־און־גוטס צוזאַמען מיט די חרוב געוואָרענע היימען. הײַנט, שוין קרוב זעקס צענדליק יאָר נאָכן חורבן, ווען פוילן איז שוין אין דער־אַ צײַט כמעט אין גאַנצן "ייִדנריין" און די ווײַסל רעדט שוין מער נישט ייִדיש – איז די באַציִונג פון פּוילישן פאָלק צו זײַנע אַמאָליקע ייִדישע שכנים און צום ייִדישן פאָלק בכלל, נאָך אַלץ געבליבן אַ רעטעניש און רופט אַרויס גאַנץ פאַרשטענדלעכע עמאָציאָנעלע חילוקי־ דעות. ייִדן, וואָס באַזוכן פוילן – אַזעלכע וואָס פאָרן אַהין "אויף קבר־אבות" אָדער פאַר אַנדערע צוועקן – טרעפן נאָך אַלץ זיך אָן אויף סימנים און אויסדרוקן פון גיפטיקן אַנטיסעמיטיזם. עס דערשײַנען אַנטיסעמיטישע צײַטונגען מיט בײַסיקע אַרטיקלען און אינסינואַציעס קעגן ייִדן, ווי אויך קעגן ליבעראַלע פּערזענלעכקייטן, וועלכע ווערן "געשטעמפּלט מיטן חטא", אַז זיי זענען ייִדן אָדער פון ייִדישן אָפּשטאַם, אַפילו ווען זיי זענען דאָס נישט. אין פּוילישן קלויסטער איז דער אַנטיסעמיטיזם נאָך טיף אײַנגעוואָרצלט בײַ אַ טייל פון דער גלחישער היעראַרכיע – ווי למשל דער בישאָף יאַנקאָווסקי (דער "גײַסטיקער פּאַסטור" פון לעך וואַלענסאַ) א"אַנד.

פון דער אַנדערער זײַט אָבער הערשט אַ נייגונג בײַ ערנסטע טײלן פונעם יונגן דור פּאָליאַקן, צו לערנען און באַקענען דאָס פאַרטיליקטע ייִדנטום, אַ מין בײַגערעכטיקייט צו באַקענען די אַמאָליקע שכנים פון זייערע זיידע־באָ־כעס. צווישן טײלן פון דער הײַנטצײַטיקער פּוילישער אינטעליגענץ הערשט דער פאָרשערישער דראַנג פון נײַגעריקייט און אויך דאָס געפיל פון בושה, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ גרעסערער צאָל אַרטיקלען מיט טאַדלונגען און חרטה־אויסדרוקן ווי, למשל איצט, צום 60־סטן יאָר־טאָג פון דער מאַסן־שחיטה אין יעדוואַבנע און 55 יאָר פון דעם פּאָגראָם אין קעלץ, ווי אויך פון דעם מאַרטירער־טויט פון שמואל אַרטור זיגעלבוים.

ווילן מיר דעריבער הערן וואָס עס דערציילט אונדז די זינגערין טובה בן־צבי, וועלכע האָט זיך נאָרוואָס צוריק־געקערט פון אַ סעריע אויפטריטן אין פּוילישע קלויסטערס און קאַטעדראַלעס, אויף אײַנלאַדונג פון דאָרטיקע געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן און פונעם קריסטלעכן קלער.

שרײַבט אונדז טובה בן־צבי:

"מיר הערן אָפט בײַ אונדז אין לאַנד אַזעלכע אויסדרוקן, ווי: "די דאָזיקע אַנטיסעמיטן", "זיי האָבן זיך נישט געענדערט – זיי האָבן אײַנגעזאַפּט די שינאה אין דער היים". ווי די 40 מיליאָן פּאָליאַקן, וואָס לעבן אין פּוילן, וואָלטן אַלע געווען אַנטיסעמיטן. זענען דאָך אָבער, בײַ דער זײַט פון די וואָס האָבן געהאָלפן די נאַציס אויך געווען טויזנטער, וואָס האָבן ריזיקירט מיטן לעבן, אויך מיטן לעבן פון זייערע משפחות, כדי צו ראַטעווען ייִדן. און אַזעלכע, וואָס די דײַטשן האָבן זיי געכאַפּט בעתן העלפן אַ ייִדן און זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, און זייער שטוב איז געוואָרן פאַרברענט.

"מ'טאָר נישט פאַראַלגעמיינערן. קרוב 60 יאָר זענען פאַר־בײַ און די שווערע זיכרונות טרעטן נישט אָפּ. פון צײַט צו צײַט אַנטפּלעקן זיד די מיאוסע דערשײַנונגען פון חיהשן אַנטיסעמיזם. אָבער אין די לעצטע צען יאָר, זינט עס איז געפאַלן דער קאָמוניסטישער רעזשים, ווערן די דאָזיקע אויסדרוקן אויפן אָרט אָפּגעוואָרפן און אָפּגע־ענטפערט מיט רעאַגירונגען אין דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, דורך די אָנפירערס פונעם קלער אין די קלויסטערס (חוץ אין פאַראײַנצלטע פאַלן), אין די עפנטלעכע דיסקוסיעס, צווישן שרײַבער און קינסטלער, צווישן סטודענטן אד"גל.

"שוין צען יאָר נאָכאַנאַנד ווי איך אַרבעט־מיט מיטן פאַרבאַנד פון ישראל־פּוילישער פרײַנדשאַפט, וועלכער האָט 20 אָפּטיילונגען אין פאַרשיידענע ערטער אין פּוילן. דער פאַרבאַנד פירט אַדורך פון צײַט צו צײַט קאָנגרעסן, קאָנצערטן און באַגעגענישן אויף ייִדישע טעמעס. איך בין געוואָרן אײַנגעלאַדן אויפצוטרעטן מיט העברעיִשע און ייִדישע לידער אין פאַרשיידענע קלובן, אויף וואָך־ענדן און פעסטיוואַלן. איך טרעף זיך מיט יוגנט און מיט דער־וואַקסענע, וועלכע ווײַזן אַרויס אַ שטאַרקן אינטערעס און

ווילן צו באַקענען זיך נעענטער מיט דער ייִדישער קולטור־שאַפונג, מיט ייִדישן געזאַנג און מוזיק. אינעם לאַנד ווו עס לעבן היינט קוים 5000 ביז 20.000 ייִדן, האָבן פאָרשער אָפּגעציילט לעצטנס קרוב 200 ייִדישע קולטור־אונטערנעמונגען און 7 פעסטיוואַלן. טויזנטער יוגנט־לעכע האָבן זיך באַטייליקט היאָר אין דעם 11־טן פעסטיוואַל פון ייִדישער קולטור, וואָס איז פאָרגעקומען אין חודש יולי אין קראָקע. דעם זעלבן חודש בין איך געוואָרן פאַרבעטן אויף אַ יוגנט־צוזאַמענפאָר אין שטעטל דאָבראָדזיען אד"ט סטערעאָטיפּן, און אין משך פון דער וואָך האָבן די 40 יונגע אָנטיילנעמערס זיך באַשעפ־טיקט מיט אַפּרייניקן און רעסטאַווירן דעם ייִדישן בית־עולם אויפן אָרט. אַזאַ צוזאַמענפאָר ווערט אָרגאַניזירט דורך דער קאָרטשאַק־געזעלשאַפט יעדעס יאָר אין אַן אַנדערער אָרטשאַפט.

"עפּעס קומט טאַקע פאָר אין היינטיקן פוילן. באַזונדערס מערקט זיך אָן די גרויסע ענדערונג אין די קלויסטערס. שוין דאָס אַכטע יאָר ווי עס ווערן דורכגעפירט אין חודש מאַי "טעג פון דער ביבל". האַיאָר האָט מיך די "ביבלישע געזעלשאַפט" אין פוילן פאַרבעטן אויפצוטרעטן אין אַ צענדליק קלויסטערס און קאַטעדראַלעס – צו זינגען לידער פון תנ"ך אויף העברעיִש, "אין דער אָריגינעלער שפּראַך פון יעזוס קריסטוס", ווי די גלחים אָדער בישאָפן דערקלערן דאָס פאַר דעם פובליקום. יעדעס ליד ווערט פאַר דעם פאָרגעלייענט אין דער פוילישער איבערזעצונג.

"יעדער אַזאַ אויפטריט" – שרייבט טובה – "איז געווען פאַר מיר אַ שטאַרקע איבערלעבונג. אין ערשטן מאָמענט, שטייענדיק אויף דער ריזיקער בינע אין דער קאַטעדראַלע פון הייליקן פלאָריאַן אין וואַרשע, בין איך געווען עטוואָס איבערגעשראָקן. קעגנאיבער מיר זענען געזעסן אין דער ערשטער ריי די אָנפירערס פון די פאַרשיי־דענע קלויסטערס אין דער פוילישער הויפּטשטאָט – די קאַטוילישע, עוואַנגעלישע, מעטאָדיסטישע, באַבטיסטישע, אַנגליקאַנישע, אַדווענ־טיסטישע און פראַוואָסלאַוונע. הינטער זיי אַ פובליקום פון הונדער־טער מענטשן, וואָס הערן צום ערשטן מאָל די לידער פון דער ביבל אויף העברעיִש. אין די קלענערע ערטער בין איך אויפגעטראָטן מיטן תנכישן געזאַנג און מיט אַ פּראָגראַם פון 20 לידער פון תהילים אויף העברעיִש אין קאַטוילישע קלויסטערס ביי די מאָנאַסטירן – פון דאָמיניקאַנער, יעזויִטן, בענעדיקטינער, פראַנציסקאַנער. אין איי־קע ערטער האָב איך, אויפן פאַרלאַנג פון פובליקום, אויך געזונגען לידער אין ייִדיש. איך בין אויך אויפגעטראָטן – דאָס מאָל פאַר ייִדן – אין דער נאָזשיק־שיל אין וואַרשע".

און – נאָך אַ שטאַרקע איבערלעבונג, זאָגט טובה, האָט זי געהאַט אין אָקטאָבער פון פאָריקן יאָר, ווען אין אַ קלויסטער אין זשאָליבאָזש הינטער וואַרשע האָט מען שוין דאָס פינפטע יאָר אָפּגעריכט דעם ייִדישן שמחת תורה, מיט דער באַטייליקונג פון צוויי מענטשן פון דער ייִדישער קהילה אין וואַרשע: קאָנסטאַנטי געבערט און סטאַניסלאַוו קראַיעווסקי. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם באַטייט פון דעם ספר־תורה... – דערציילט אונדז טובה בן־צבי, שטאַרק באַרוישט פון אירע אויפטריטן און איינדרוקן פון דעם "אַנדערן פוילן".

**טייערער חבר יצחק לודען,**

מיר שליסן זיך אָן מיט פרייד צום יובל פון 50 יאָר "לעבנס־פראַגן" און 30 יאָר אונטער אייער שעפערישער רעדאַקציע פון דעם זשורנאַל. די "לעבנס־פראַגן" זענען אַ קעמפערישע טריבונע, וואָס לעבט און ווירקט אין ישראל און אין דער ייִדישער וועלט. ווי אַ סאָציאַליסטישע צייטשריפט איז זי ממשיך די שענסטע בונדישע טראַדיציעס פון קאַמף פאַר וועלטלעכער ייִדישקייט און פאַר סאָצ־יאַלן יושר.

מיט אייער ביישטייער צו די 50 יאָר "לעבנס־פראַגן" האָט איר גייסטיק באַרייכערט די ייִדישע קולטור־ווערטן אין דער צעשפּרייטער ייִדישוועלט. נעמט צו אונדזערע האַרציקע חברישע גרוסן.

פאַר דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און

און קולטור־געזעלשאַפט י. ל. פרץ -

*יצחק פּשעטיצקי, דוד צוקערמאַן,*

*פּערלאַ צוקערמאַן־נייַמאַן*

מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי

דער ליבער, טיכטיקער און ענערגישער

## שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש

רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון "ייִדישע קולטור"

אונדזערע וואַרעמע און האַרציקע מזל־ברכות

צו אירע 50 יאָר

מיט ווונטשן אויף אַ סך פריידיקע

פרוכטיק־שעפערישע און גליקלעכע יאָרן

*רבקה באַסמאַן־בן־חיים*

*סתּר און יצחק לודען*

---

**ליבער פריינד יצחק לודען,**

דער 50יאָריקער יובל פון די "לעבנס־פראַגן" איז אַ גרויסער יום־טוב פאַר אונדז, פאַר די וועמען עס איז טייער די ייִדישע קולטור אין ישראל.

און היות ווי דאָס איז אויך אַ קלאָרער אויסדרוק פון אייער אײ־בערגעגעבנקייט און ענערגיע, ווינטש איך אייך נאָך אַ סך יאָרן און אַ סך שעפערישן כּוח ממשיך צו זיין אָט די געבענטשטער אַרבעט.

מיט חברישן גרוס –

*מרדכי שטיינבערג*

חיפה

אַנדזשעי טאָטשעווסקי

# דאָס געהיימעניש פון דעם מאָרד איבער אַלטער און ערליך

## אין סטאַליניסטישן רוסלאַנד

וועגן דעם אומקום פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, די צוויי נאָבעלע מנהיגים פון פוילישן "בונד", אונטער דעם בעסטיאַלישן מעסער פון די סטאַלינישע הענקערס, זענען שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער ייִדישער און אין דער וועלט־פרעסע הונדערטער אַרטיקלען, אין וועלכע עס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן צענדליקער פאַרשיידענע ווערסיעס בנוגע דער צייַט, די אומשטענדן און דעם אופן פון אומברענגען די צוויי בונדישע מאַרטירערס. נישט ווייניקע האָבן זיך געפרעגט, צי האָבן די מערב־רעגירונגען געטאָן גענוג כּדי צו ראַטעווען די צוויי בונדישע מנהיגים פון די נקוו"ד־תּליונים.

מיט אַן ערך זיבן יאָר צוריק האָט די יונגע דייַטשישע פאָרשערין, **ד"ר גערטרוד פּיקהאַן,** צוגעשיקט דער רעדאַקציע "לעבנס־פראַגן" קאָפּיעס פון דאָקומענטן, וואָס זי האָט מצליח געווען, אַדאַנק דער אינטערווענץ פון דעם סאָציאַליסטישן מנהיג ווילי בראַנד, אַרויסצוקריגן פון די געהיימע סאָוויעטישע פּאַרטיי־אַרכיוון דאָקומענטן וועגן דעם טויט־אורטייל איבער וויקטאָר אַלטער און קאָפּיעס פון כּתב־ידן און נאָטיצן פון הענריק ערליך, געשריבענע אין דער סאָוויעטישער תּפיסה. די אַנטפּלעקונג פון ד"ר פּיקהאַן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אירס אַן אַרטיקל אין די "לעבנס־פראַגן", אין צוויי המשכים, פון מערץ־אַפּריל און מאַי־יוני 1995.

קיינער האָט אָבער ביז דעמאָלט ווייך נישט פאַראינטערעסירט מיט דער שטעלונג פון דער דעמאָלטיקער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן אין באַצוג צו דער דאָזיקער בלוטיקער אַוואַנטורע. צי האָט די פּוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן עפּעס געטאָן כּדי אַרויסצורייַסן די צוויי קרישטאָל־ריינע פּערזענלעכקייטן, פּוילישע בירגער, פון סטאַלינס נעגל? די פראַגע איז געווענדט נישט נאָר צו דער רעגירונג פון גענ. שיקאָרסקי אין לאָנדאָן. זי איז אויך געווענדט צו דעם דעמאָלטיקן קאָמאַנדיר פון דער פּוילישער אַרמיי, גענעראַל אַנדערס, וועלכער האָט אין יענעם יאָר סטאַציאָנירט מיט זייַן אַרמיי אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

ווייַזט זיך אַרויס, אַז צווישן דער היעראַרכיע פון דער דעמאָלטיקער פּוילישער עליטע זענען געווען אַזעלכע, וואָס די טראַגעדיע פון די צוויי ייִדישע מנהיגים איז זיי שטאַרק אָנגעגאַנגען. צו אַזאַ אויספיר בין איך געקומען נאָכן איבערלייענען דעם פאָלגנדיקן עסיי פון אַנדזשעי טאָטשעווסקי.

מיר פאַרעפנטלעכן אָט דעם גרעסערן אַרטיקל, כּדי זיך צו באַקענען מיט די אינפאָרמאַציעס, וואָס קומען פון די אָפיציעלע פּוילישע מקורות. מיר ברענגען אויך אין קורצן די ביאָגראַפיעס פון די צוויי בונדישע מנהיגים לויט ווי עס גיט זיי איבער דער פּוילישער מחבר פון דעם אַרטיקל.

**א. שפּיראָ**

* * *

די פאַרברעכנס פון דער נקוו"ד געהערן ביז הייַנט צו די ווייניק קאָנטראָלירטע און דעשיפרירטע רעטענישן. איינע פון אָט די ווייַסע (אייגנטלעך, שוואַרצע) פלעקן אין דער געשיכטע פון סטאַלינס דעספּאָטישן רעזשים, וועלכע וואַרטן נאָך אַלץ אויף זייער ענדגילטיקער באַלויכטונג און אויפקלערונג — איז



הענריק ערליך



וויקטאָר אַלטער

דער מאָרד איבער וויקטאָר אַלטער און הענריק ערליך אין ראַטנפאַרבאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער מאָרד, אַזוי אויך ווי דער געהיימנישפולער מאַסן־מאָרד פון די פּוילישע אָפיצירן אין קאַטין, איז געווען אַ געשעעניש, וואָס האָט שטאַרק אויפגערודערט די עפנטלעכע מיינונג פון יענער צייַט. נישט געקוקט אויף דעם שטאַרקן אָפּקלאַנג אויף דער וועלט, קאָן מען אָבער ביז הייַנט קיין סך נישט געפינען אין דער היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג (עס איז כּדאַי צו באַטאָנען, אַז דער עסיי פון אַנדזשעי טאָטשעווסקי איז געוואָרן אָנגעשריבן פאַר די אַנטפּלעקונגען פון פּראָפּ. גערטרוד פּיקהאַן).

אין דער תּקופה פון אומאָפּהענגיקן פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות זענען אַלטער און ערליך געווען באַוווסטע אַקטיווע טוערס אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי "בונד" אין פּוילן, און ווי אַזעלכע זענען זיי געווען אין אַ סך קאַדענצן ראַטמענער אין וואַרשעווער שטאָטראַט. דער עלטערער פון זיי איז געווען הענריק (הערש־וואָלף) ערליך, געבוירן דעם 25־טן אויגוסט 1882 אין לובלין, בייַ אַ פאָטער אַ מילנער. נאָכן באַלייגן די מאַטורע אין לובלין מיט אַן אויסצייכענונג, האָט ער שטודירט יוריספּרודענץ אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. ער איז אָבער געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דאָרט צוליב זייַן פּאָליטישער טעטיקייט. נאָך אַ קורצער צייַט אין בערלין, האָט ער פאָרגעזעצט זייַנע שטודיומס אויפן אוניווערסיטעט פון פּעטערבורג, און דאָרט פאַרענדיקט אין יאָר 1908. אָבער שוין פון פינף יאָר פריִער, אָנהייבנדיק פון יאָר 1903, איז ער געווען אַקטיוו אין "בונד". נאָך צען יאָר, שוין ווי אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון "בונד", איז ער געוואָרן אַרעסטירט און איינגעזעצט אין דער מאָסקווער טורמע 'בוטירקי".

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָכן באַפרייַט ווערן פון דער טורמע, האָט ער רעדאַגירט די וואָכנשריפט "יעווריעיסקיִע וועסטי". ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער גרופּע "רעוואָלוציאָנערע פאַרטיידיקערס", וועלכע האָט געפּרעדיקט, אַז כּדי צו קענען פאַרטיידיקן רוסלאַנד קעגן דייַטשלאַנד, דאַרף מען פריִער אַראָפּוואַרפן דעם צאַרישן רעזשים. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער רוסישער פעברואַר־רעוואָלוציע אין 1917, און ווי אַ מיטגליד פון פּעטראָגראַדער אַרבעטער־ראַט האָט ער פאַרפאַסט דעם ערשטן אויפרוף אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע. אין 1918 קומט ער צוריק קיין פּוילן, באַזעצט זיך אין וואַרשע, ווו פּאַראַלעל צו זייַן אידעאָלאָגישער טעטיקייט האָט ער אויפגעשטעלט אַן אייגענע אַדוואָקאַטן־ביוראָ. פון יאָר 1920 ביז צום אויסברוך פון

דער היטלער־מלחמה איז ער געווען אַ מיטגליד, און אַ געוויסע צײַט פֿאָרזיצער, פֿון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד". אין דער פּאַרטייאישער אָנפֿירערשאַפֿט איז ער געשטאַנען אין שפּיץ פֿון די אַזויגערופֿענע „איינסער" — די פֿראַקציע, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם געדאַנק פֿון אָנשליסן זיך צום „קאָמינטערן". ער איז געווען איינער פֿון די אָנגעזעענסטע פּובליציסטן אין דער בונדישער פּרעסע, ווו ער האָט אָפֿטמאָל פּאָלעמיזירט מיט די פֿירערס פֿון דער פּ.פּ.ס., קריטיקירנדיק זייער רעפֿאָרמיזם. דאָך פֿלעגט ער רעפּרעזענטיון דעם „בונד" אויף די קאָנגרעסן פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.). ווי אַן אַדוואָקאַט פֿלעגט ער אָפֿט זײַן אַ פּאַרטיידיקער אויף די פּאָליטישע פּראָצעסן קעגן קאָמוניסטן.

וויקטאָר אַלטער (געווען אויך באַקאַנט אונטער דעם פּסעוודאָנים לאָרמאַן) איז געבוירן געוואָרן דעם ז־טן פֿעברואַר 1889 אין מלאַווע אין אַ סוווזרישער משפּחה, וועלכע האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע. ער האָט זיך געלערנט אין דער גאָרסקי־גימנאַזיע, פֿון וועלכער ער איז געוואָרן באַזײַטיקט צוליב זײַן אָנטייל אין אַ שילער־שטרײַק. אין אָט דער תּקופֿה איז ער געוואָרן אַן אַקטיווער טוער אין בונדישן אונטערגרונט. פֿון 1906 ביז 1911 האָט ער שטודירט אין בעלגיע, ווו ער האָט פֿאַרענדיקט מיט אַ דיפּלאָם פֿון אַן אינזשיניער. אין 1912 קערט ער זיך צוריק קיין וואַרשע און שליסט זיך ווידער אײַן אין דער פּאָליטישער טעטיקייט פֿון „בונד", צוליב וועלכער ער ווערט אַרעסטירט און פֿאַרשיקט קיין סיביר. פֿון דאָרט געלינגט אים, נאָך אַ קורצער צײַט, צו אַנטלויפֿן קיין מערב־אייראָפּע. ביז דעם אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה לעבט ער אין בעלגיע, דערנאָך אין ענגלאַנד, ווו ער האָט זיך פֿאַרבונדן מיט דער לייבאָר־פּאַרטיי.

מיטן אָנקומען פֿון די ידיעות וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין פֿעברואַר 1917 איז ער אַוועק קיין רוסלאַנד, ווו ער וואַרפֿט זיך אַרײַן אין דער אַקטיווער פּאָליטישער טעטיקייט אין אוקראַינע. אין יולי 1918 נעמט ער אָנטייל אין אַ קאָנפֿערענץ פֿון אַרבעטער־דעלעגאַטן, וואָס זענען געוויילט געוואָרן אויף אומפּאַרטייאישע פֿאַרזאַמלונגען, פֿאַר וואָס ער איז ווידער געוואָרן אַרעסטירט. נאָכן באַפֿרײַען זיך קערט ער זיך צוריק קיין וואַרשע, כּדי פֿאָרצוזעצן זײַן טעטיקייט אין „בונד". נאָכן אָנשליסן זיך פֿון „בונד" צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל ווערט ער אַ מיטגליד אין דער אינטערנאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. אין 1935 האָט ער אויסגעאַרבעט אַ רעזאָלוציע אין דער פֿראַגע פֿון פֿאַראייניקן ביידע אינטערנאַציאָנאַלן און שאַפֿן אין יעדן לאַנד איין אַרבעטער־פּאַרטיי. וועגן דעם האָט ער געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּוילן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרענדיקט אָן דערפֿאָלג. ער האָט געהערט צו די וויכטיקסטע טעאָרעטיקערס פֿון „בונד" און איז אויך געווען איינער פֿון די אַקטיווסטע סאָציאַליסטישע טוערס אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. ער האָט אויסגעפֿירט אַ גאַנצע רייע אַלגעמיינע געזעלשאַפֿטלעכע פֿונקציעס, האָט אָנגעפֿירט מיט דער ייִדישער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג און איז געווען אַ מיטגליד אין דער אָנפֿירונג פֿון די אַלגעמיין־פּוילישע פּראָפֿ. פֿאַראייניגן, ווי אויך פֿון דער ייִדישער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג א.אַנד..

אין 1937 בעת דעם שפּאַנישן בירגער־קריג איז ער געפֿאָרן קיין שפּאַניע מיט אַ דעלעגאַציע פֿון סאָלידאַריטעט מיט די רעפּובליקאַנישע קעמפֿער. ער איז געווען באַוווּסט ווי אַ גלענצנדיקער טעאָרעטיקער, עסעיִסט און פּובליציסט, האָט מיטגעאַרבעט אין אַ גרויסער צאָל צײַטשר־פֿטן, האָט רעדאַ־ גירט דעם „גלאָס בונדו", און דעם טעאָרעטישן אָרגאַן פֿון „בונד" — „מישל סאָציאַליסטיטשנאַ" (סאָציאַליסטישער געדאַנק).

אין סעפּטעמבער 1939, פֿאַרן אַרײַנמאַרש פֿון דער דײַטשישער אַרמיי קיין וואַרשע, זענען אַלטער און ערליך אַנטלאָפֿן אויף מזרח און דאָרט אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע. דעם 26־טן סעפּטעמבער איז דורך דער נקוו"ד אַרעסטירט געוואָרן אין קאָוועל וויקטאָר אַלטער, און דעם 4־טן אָקטאָבער איז הענריק ערליך אַרעסטירט געוואָרן אין בריסק. נאָכן אַרײַנזעצן זיי אין דער טורמע האָט די „אויספֿאָרשונג" קעגן זיי געדויערט 22 חדשים, און אויפֿן סמך פֿון נישט באַגרינדעטע באַשולדיקונגען זענען זיי אין יולי 1941 געוואָרן פֿאַרמישפּט צו טויט־שטראָף, וואָס איז צום סוף געוואָרן אויסגעטוישט אויף צען יאָר אַרבעטס־לאַגער.

אין די ראַמען פֿון דער אַמנעסטיע פֿאַר די פּוילישע בירגער נאָכן אונטערשרײַבן אין יולי 1941 דעם שיקאָרסקי־מײַסקי־אָפּמאַך, איז דעם 12־טן סעפּטעמבער באַפֿרײַט געוואָרן ערליך, און אַלטער — אין אָקטאָבער. נאָך זײַענדיק אין לאַגער, האָבן זיי אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וועגן גרינדן אַ ייִדישן אַלוועלטלעכן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט. לויטן אָריגינעלן פּלאַן האָט ערליך געדאַרפֿט שטיין בראָש פֿון דעם קאָמיטעט, און אַלטער האָט געדאַרפֿט זײַן דער גענעראַל־סעקרעטאַר. דער פֿאָרשלאַג איז אַקצעפּטירט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע הערשער, וועלכע האָבן זיי אויך פֿאַרזאָרגט מיט אַ „ביוראָ־פּערסאָנאַל", וואָס האָט פּאַקטיש באַטײַט, ווי עס האָט געשריבן פּראָפֿ. יאַנוש זאַוואַדני, אַז „מען האָט זיי אַרומגעשטעלט פֿון אַלע זײַטן מיט פּראָוואָקאַטאָרן און אַגענטן".

נאָכן אַרויסקומען אויף דער פֿרײַ זענען ערליך און אַלטער אָנגעקומען קיין קויבישעוו, ווו עס האָט זיך אָרגאַניזירט די פּוילישע אַמבאַסאַדע. זיי האָבן דאָרט אײַנגעשטעלט אַ נאָענ־ טע צוזאַמענאַרבעט מיטן אַמבאַסאַדאָר סטאַניסלאַוו קאָט, וואָס איר ערשטער אויסדרוק איז געווען דאָס ארויסשיקן אַלטערן אויף אַ ספּעציעלער שליחות קיין סווערדלאָווסק. דאָס אָפֿטע ווײַלן פֿון די צוויי בונדישע מנהיגים אין דער אַמבאַסאַדע האָט צווישן די אַנטאַגאָניסטן פֿון פּראָפֿ. קאָט אַרויסגערופֿן אַ רייע אינטריגעס, קלאַנגען און באַרעדענישן, לויט וועלכע אַלטער און ערליך „רעגירן מיט דער אַמבאַסאַדע". אַזעלכע טענות, ווי עס האָט אָנגעשריבן סטאַניסלאַוו קאָט, „...זענען לײדער פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי דורך אָפֿיצירן, וואָס זענען אָנגעשטעלט געוואָרן דורך די פֿאַרבינדלער פֿון דער נקוו"ד, ווען עס איז אין קרעמל געפּלאַנט און געגרייט געוואָרן דער מאָרד איבער די צוויי הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן.

(המשך אין קומענדיקן נומער)

**וווערביר נײַע לייענער פֿאַר די „לעבנס־פֿראַגן"**

## פון דער ישראלדיקער פרעסע

# וואַגנער - טעאָדאָר הערצעלס מוזיקאַלישע אינספּיראַציע

דניאל באַרנבוים איז באַגאַנגען אַ ווּזנטלעכן פעלער בנוגע דעם ציַיט־אויסוואַל פון אויפפירן וואַגנערס אַ שאַ־פונג. ער האָט געדאַרפט צוואַרטן עטלעכע טעג, ביז דעם פאַרגאַנגענעם מיטוואָך (ב' בתמוז תשס"א), ווען עס ווערט דורכגעפירט דער מלוכישער אזכרה־צערעמאָניאַל פאַר בנימין זאב (טעאָדאָר) הערצעל, צום 97 יאָרטאָג נאָך זיַין טויט. דאָס וואָלט געווען די פּאַסיקסטע געלעגנהייט אויפצופירן וואַגנערן: הערצעל האָט שטאַרק ליב גע־האַט זיַינע שאַפונגען, ווי מיר וועלן דאָס זען וויַיטער.

באַרנבוים האָט אָבער נישט געוואַרט, און איז געוואָרן אַ צילברעט פאַר זיי באַשולדיקונגען וועגן צוטרוי־"ברוך, אָפּנאַרעריַי און אַריַינשמוגלען וואַגנערן "דורך דער הינ־טערטיר". איך ווייס נישט צי די באַשולדיקערס זענען געווען גערעכט. מיך באַשעפטיקט מער די טענה צום עצם ענין, דהיַינו צו דער קעגנערשאַפט אויפצופירן וואַגנערן, און דער עיקר די מאָטיווירונג, וועלכע איז סיַי עטוואָס קאָמיש און סיַי עטוואָס טרויעריק.

מ'זאָגט, אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיט די שארית הפליטה וואָס לעבן נאָך מיט אונדז, אַז מען דאַרף זיך אַנגאַרטלען מיט געדולד און נישט פאַרוווּנדיקן זייערע געפילן. זיי אַלע זענען שוין אין הויכן עלטער. נאָך אַ ביסל וועלן אויך די לעצטע פון זיי אויסשטאַרבן, און דעמאָלט וועלן מיר קענען הנאה האָבן פון וואַגנערן.

אמת, די שארית הפליטה האָבן זיך געעלטערט אין די פינף מיט אַ האַלבן יאָרצענדליק, וואָס זענען פאַרביַי זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און ס'איז אָנ־צונעמען, אַז זיי וועלן שוין קיין סך יאָרן נישט בליַיבן לעבן. וואָס עס איז נישט אָנצונעמען איז, אַז ביַי דער מערהייט פון זיי איז פאַראַן אַ ספּעציעלע קעגנערשאַפט צום שפּילן וואַגנערס שאַפונגען. מיט אַזאַ קעגנערשאַפט קומען אַרויס, געוויינלעך, די עסקנים פון דער שארית הפליטה, וועלכע אונטערשיידן זיך נישט מיט זייערע טעטיקייטס־מעטאָדן פון אַנדערע עסקנים.

די ייִדן, ווי יחידים און ווי אַ פאָלק, מעגן האָבן אַ חשבון מיט וואַגנערן, און נישט דווקא מיט זיַין מוזיק. ער איז טאַקע געווען אַן אַנטיסעמיט און האָט פּראָפּאַגירט זיַין אַנטיסעמיטיזם. אָבער דאָס איז דער חשבון פון יעדן ייִד, און נישט דווקא פון די שארית הפליטה. נאָך אַלע־מען, איז דאָך וואַגנער געשטאָרבן צענדליקער יאָרן פאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט, און היטל'ער האָט פאַרהערלעכט וואַגנערן נישט מער ווי ער האָט פאַרערט אַנדערע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע זענען כשר למה־דרין אין ישראל.

נאָך מער, ס'איז אַ ספק, צי היטלער איז געווען פאַר־ליבט אין וואַגנערן מער ווי עס איז געווען אין אים פאַרליבט הערצעל. און אָט וואָס עס האָט געשריבן דער וויזיאָנער פון דער מדינה אין דער תּמציתדיקער אויטאָ־ביאָגראַפיע פאַר זיַין צייַטונג "נויע פריַיע פרעסע": "אין די לעצטע חדשים פון מיַין וויַילן אין פּאַריז – דהיינו אין 1895 – האָב איך געשריבן דאָס בוך "יודענשטאַט". איך געדענק נישט אַז איך זאָל האָבן ווען־עס־איז עפּעס גע־שריבן מיט אַזאַ שטאַרקער דערהויבנקייט. היַינע האָט מיר דערציילט, אַז בעת ער האָט געשריבן געוויסע לידער האָט ער ווי געפילט די פליגלען פון אַן אָדלער איבער זיַין קאָפּ. אַזאַ איז געווען אויך מיַין געפיל בעתן שריַיבן דאָס דאָזיקע בוך. איך בין געווען באַשעפטיקט דערמיט גאַנצע טעג און געוואָרן אינגאַנצן דערשעפּט. מיַין איינציקע אָנטשפּאַנונג איז געווען אין צוהערן זיך צו וואַגנערס מוזיק, און גאָר באַזונדערס צו 'טאַנהויזער' – אַן אָפּערע, וואָס איך בין געגאַנגען זען יעדעס מאָל ווען מ'האָט זי אויפגעפירט. אין די אָוונטן ווען מ'האָט די אָפּערע נישט געשפּילט, האָבן מיך געמאַטערט ספקות וועגן מיַינע אידעען". און טאָמער איז דאָס נישט גענוג, דערציילט עמוס אילון אין דער ביאָגראַפיע, וואָס ער האָט געשריבן וועגן הערצעלן, אַז דער צווייטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז דערעפנט געוואָרן מיט די קלאַנגען פון "טאַנהויזער". איז דען פאַראַן נאָך אַ קאָמפּאָזיטאָר מיט אַזאַ הכשר?

און כ'האָב נאָך אַ פראַגע, ווי איינע וואָס איז באַשעפּ־טיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער מיט צוואַנגס־אַרבעט אין די פאַבריקן פון "סימענס". זיי האָבן, פאַר־שטייט זיך, פּראָדוצירט פאַר דעם קריגס־אָנשטרענג פון דעם נאַציִשן דיַיטשלאַנד. ווי קומט עס, טיַיערע חברים, אַז וואַגנער שטערט איַיך, אָבער "סימענס" נישט, און "מערצעדעס" נישט, און אַלץ וואָס איז ביזנעס שטערט איַיך נישט. אינטערעסאַנט.

**חנה זמר**

"ידיעות אהרונות" 2001 .7 .15,

---

די אויטאָרין פון דעם אַרטיקל איז געווען די לעצטע הויפּט-רעדאַקטאָרין פון "דבר", דעם אָרגאַן פון דער הסתדרות. מיר גרענעצן זיך אָפּ פון דעם לעצטן זאַץ, וויַיל נישט אַלע וואָס האָבן פּערזענלעך איבערגע-לעבט די שואה, באַנוצן זיך מיט "סימענס" אָדער מיט אַ מערצעדעס, און נישט אַלע מאַכן ביזנעס מיט זיי. מיר ווייסן אויך, אַז עס זענען געווען אויך אַנדערע דיַיטשישע מוזיקאַלישע גאונים, וואָס זענען געווען אַנטיסעמיטן; אָבער די קעגנערשאַפט צו וואַגנערן נעמט זיך פון דעם, וואָס ער איז געווען דער טעאָרעטישער באַגרינדער פון דעם גיפטיקן ייִדנהאַס און אַז ער האָט גערופן אָוועקצונעמען פון די ייִדן די בירגערלעכע רעכט, וויַיל "זיי פאַראומרייניקן די דיַיטשישע מוזיק און די דיַיטשישע קולטור"...

**די רעדאַקציע**

# דענעמאַרק, ווי אַ משל...

...ווי עס טענהט שמעון פרס, זענען אין דער איצטיקער טעראָר־כוואַליע אָפּגעציילט געוואָרן 30 (פּאַלעסטינער) זעלבסט־מערדער. דאָס איז אַ ריזיקע ציפער. פרס האַלט, אַז עס איז ניט שווער איבערצוצייַגן די וועלט אין דער גערעכטקייט פון די ישׂראל־דיקע האַנדלונגען קעגן אָט דער דערשייַנונג. "דעם זעלבסטמערדער קאָן מען פאַרהאַלטן נאָר אויף זייַן אַרויסגאַנג־סטאַנציע. ווען ער איז שוין אויפן וועג, קאָן מען שוין גאָרנישט אויפטאָן". דעריבער באַצייכנט ער דאָס אומברענגען זיי (פאַר זייער אַרויסגיין) נישט ווי ליקווידאַציעס, נאָר אַלס "אַק'טיווע פאַרטיידיקונג".

פרס האָט ליב דאָס צו זאָגן זייַנע אייראָפּעיִשע קאָלעגן. אויך ווייַזן זיי לאָזן זיך נישט איבערצייַגן, פילט אים אָן דער וויכּוח מיט קעמפעריש גייַסט. פרס, פאַר וועמען אייראָפּע איז ביז נישט לאַנג געווען זייַן היימישע אַרענע, רעדט צו די אייראָפּעיִשע מיניסטאָרן ניט ווי אַ שתדלן, נאָר ווי אַ לערער. ער קומט נישט איבערצייַגן זיי, נאָר צו לערנען מיט זיי תּורה.

די לעצטע ווידערשפּעניקע שילערין זייַנע איז די רעגירונג פון דענעמאַרק, וועלכע האָט אַקצעפּטירט די נאָמינירונג פון כּרמי גילון ווי דעם אַמבאַסאַדאָר פון ישׂראל, און איצט קווענקלט זי זיך. די דאָזיקע נאָמינאַציע איז אַ פעלער. זי איז געבליבן שטעקן ווי אַ ביין אין האַלדז פון ביידע רעגירונגען. פאַר די דענער איז עס שווער אַראָפּצושלינגען, צוליב אינערלעכע פּאָליטישע און יורידישע סיבות; די ישׂראלים קענען עס נישט אויסשפּייַען, צוליב מאָטיוון פון כּבוד און פּרעצעדענט. פרס האָט באַשלאָסן צו קעמפן.

די טעג איז דערהאַלטן געוואָרן אין אויסערן־מיניסטעריום אַ טעלעגראַמע פון דער אַמבאַסאַדע אין קאָפּענהאַגען, מיט פּרטים פון אַ "גאַלופּ"־אַנקעטע פאַר דער צייַטונג "בערלינסקע". לויטן דורכגעפירטן פּובליק־טעסט שטיצן 19% פון די דענער די אַראַבער, און נאָר 15 פּראָצענט זענען פאַר ישׂראל. 66% זאָגן, אַז זיי ווייסן נישט ווער עס איז גערעכט אויפן מיטעלן מזרח.

וועגן כּרמי גילון האָבן אָבער די מערהייט דענער אַ דעצידירטע מיינונג: 56% פון זיי האַלטן, אַז ער דאַרף, ליבערשט, נישט קומען, און 75% זענען ביי דער מיינונג, אַז אויך אַ מדינה, וואָס לייַדט פון טעראָר, טאָר נישט אָנווענדן קיין "מעסיקן פיזישן דרוק" (קעגן געפאַרשטע אונטערן פאַרדאַכט פון טעראָר).

פרסן האָט אָבער אינטערעסירט עפּעס אַנדערש. די דענישע צייַטונג האָט געבראַכט די רעזולטאַטן פון דורכגעפירטע אַנקעטע־פאָרשונגען אויף דער זעלבער טעמע אין דער פאַרגאַנגענהייט. ווי עס ווייַזט זיך אַרויס, זענען מיר אַמאָל געווען זייער פּאָפּולער אין דענעמאַרק. אין 67', למשל, ווען ישׂראל האָט געקעמפט פאַר איר זיכערהייט און די פרייַוויליקע דענינס האָבן אָפּגעאַרבעט די קיבוצים אויף בלאָנד, האָבן 56% פון די דענער אויסגעדריקט זייער אונטערשטיצונג פאַר ישׂראל, און בלויז צוויי פּראָצענט האָבן געשטיצט די אַראַבער. אין אָט דער אונטערשטיצונג פאַר ישׂראל איז אָנגעגאַנגען אַ בהדרגהדיקע ירידה, ביז וואַנען זי איז, צווישן די יאָרן 82' און 83' מיט איין מאָל אַראָפּגעפאַלן פון 28% אויף 16%, און ישׂראל האָט פאַרלוירן דענעמאַרק.

דאָס געשעעניש, וואָס האָט געענדערט די באַציִונג פון די דענער צו ישׂראל, איז געווען – די לבנונישע מלחמה. און דאָס איז אויך דער נמשל פון שמעון פרסעס אָנדייַטונג אַז אין דעם פּראָבלעם, וואָס איז אויפגעקומען אין דענעמאַרק איז שוליק נישט כּרמון גילון, נאָר שולדיק איז... אָבער דאָס האָט שוין פרס נישט געזאָגט.

**נחום ברנע**, "ידיעות אחרונות". 27.07.01

פראַגמענט פונעם אַרטיקל "צרות אין דער משפּחה")

## *פאַרוואָס דווקא איצט*

נעכטן איז געוואָרן צוויי חדשים זינט דער טעראָר־שחיטה אין דאָלפינעריום (דעם 1־טן יוני ד"י). דאָס איז געווען דער לעצטער בו'טער טעראָר־אַקט פון "כאַמאַס" מחוץ די טעריטאָריעס, און דאָס איז נישט געווען צופעליק. לויט אַ פעסט־געזיכערטער אינפאָרמאַציע וואָס ישׂראל האָט באַקומען בשעת זי האָט באָמבאַרדירט די קאָמענדאַנטור פון כאַמאַס אין שכם (נאַבלוס), האָט די אָנפירונג פון כאַמאַס געהאַט באַשלאָסן אָפּצולייגן דעם אַרויספּלי פון זייַנע שליחים אין גן־עדן. דער באַשלוס צו פאַרלענגערן די קאַדענץ פון די "שאַהידן" (די פאַרהייליקטע) אויף די אָקופּירטע שטחים האָט געהאַט זייערע סיבות און האָט געהאַט אַ ציל. די סיבה: זיי האָבן נישט געוואָלט געבן אַראַפאַטן קיין תּירוץ צו צעטרייַבערן די אָרגאַניזאַציע ווייַל זי סאַבאָטירט די צענטראַלע צילן פון דער אויטאָנאָמיע – דאָס אַרייַנפירן אָבסעראַטאָרן, פאַרלייַכטערן די בלאָקאַ־ע, אָפּשטעלן די קאָלאָניזאַציע און באַנייַען די פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען. דער ציל: אויפדעקן דעם אמתן פּרצוף פון אַראַפאַטן, ווי עס זאָגט אהוד ברק. זאָלן אויך די לעצטע וואָס גלייבן נאָך אין אַ פּשרה־לייזונג מיט ישׂראל זיך איבערצייַגן, אַז אונטער דער קאַפּיִע באַהאַלט זיך אַ "פּרייַער". יעדער צוגאָבלעכער טאָג פון דער בלאָקאַדע אַרום בית לחם, יעדעס דערהרגעטע קינד אין שכם, ברענגט נאָך און נאָך מענטשן אונטער דער פאָן פון די וואָס גלייבן אין אַן ענד־לייזונג.

די ישׂראל־בירגער הערן געוויינלעך, אַז די פּאַלעסטינער אינסטאַנץ טוט גאָרנישט קעגן דעם טעראָר. אָבער ס'איז אָנצונעמען, אַז דער פּרעמיער־מיניסטער לייענט דעם טעגלעכן נאָכפאָלג־באַריכט פון דעם פּלאַנירונגס־רעסאָרט פון צה"ל בנוגע דער רעאַליזירונג פון דעם טענעט־הסכּם וועגן פייַער־איבעררייַס. ער וואָלט געדאַרפט וויסן, אַז אויף דעם מיטוואָך, הייַנטיקע וואָך, איז פאַרצייכנט געוואָרן אין דעם דאָקומענט פון צה"ל, אין דעם פּונקט "פאַרלעצונגען, נאָר איין ליקווידאַציע / אָדער "זעלבסטפאַרטיידיקונגס־אַקט" אין שכם. דאַקעגן איז דאָרט יאָ פאַרצייכנט געוואָרן, אַז די פּאַלעסטינער אינסטאַנץ האָט אָנגעהויבן אַקטירן, אמת, נאָר "פּונקטנווייַז", צו שטרויכלען און פאַרמייַדן דעם טעראָר. און ווירקלעך, דעם מאָנטיק האָט זיך טאַקע געמערקט אַ באַאומרויִקנדיקער וווּקס פון דער צאָל טעראָריסטישע פּרוּוון. אָבער כּדי צו פאַרמייַדן אַן עסקאַלאַציע, אָדער צו געבן אַ שאַנס דעם פּאָליטישן צוג, האָט די רעגירונג שוין פאַרביסן די ליפּן און אַראָפּגעשלונגען די דאָזיקע שווערע טעג.

דעם ענטפער אויף דער פראַגע פאַרוואָס דווקא איצט, דאַרף מען דערי̇בער זוכן אויך אין דעם פּאָליטישן רעסאָרט, און נישט בלויז אויפן זיכרהייט־געביט. ווען אריאל שרון האָט אַקצעפּטירט דאָס באָמבאַרדירן שכם, איז פאַר אים געלעגן דער רעפּאָרט פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן וועגן די באַראַטונגען, וואָס קומען פאָר די וואָך אין דער אָנפירונג פון דער אַמעריקאַנער אַדמיניסט־ראַציע וועגן אַרויסשי־ן אָבסערוואַטאָרן. שרון איז, וואָס אַן אמת, אײַגעגאַנגען אויפצונעמען אָבסערוואַטאָרן, אָבער מיטן באַדינג, אַז אַראַפאַט וועט נישט קענען אָדער נישט וועלן זיי אויפנעמען.

אין די לעצטע טעג צייכנט זיך אָן אַ נײַע אַקס אין ווײַסן הויז: קאָנדאָליזאַ רײַס, די קאָנסולטאַנטין פאַר נאַציאָנאַלער זיכערהייט, וועלכע איז געווען פון די הויפּט־קעגנערס צו דער פּאָליטיק פון אַנגאַזשירן זיך צו שטאַרק אין דעם היגן קאָנפליקט, האָט זיך אָנגעשלאָסן צום לאַגער פון קאָלין פּאַועל. איצט רעקאָמענדירן ביידע דעם פּרעזידענט ער זאָל נעמען אין באַטראַכט דעם אייראָפּעישן דרוק און די נערוועזיטעט פון סאַודיע, זאָל שיקן די אָבסערוואַטאָרן, און פאָדערן פון שרונען ער זאָל אײַנפירן פאַרלײַכטערונגען אויף די טעריטאָריעס. בוש, אַזוי ווי אַ באַנק־דירעקטאָר וואָס האָט ליב צו געבן הלוואות צו קליענטן וואָס קענען זיך אַן עצה געבן אָן זיי, איז גענויגט צו שיקן די אָבסערוואַטאָרן נאָך דעם ווי דער גוואַלט וועט זיך אײַנשטילן. די דראָונג פון כאַמאַס נקמה צו נעמען אין ישראל און אירע פאַרבינדעטע מחמת דער באָמבאַרדירונג אין שכם, איז עלול דאָס צו טאָרפּעדירן.

**עקיבא אלדר**, "הארץ" 2, אויגוסט 2001

דאָס איז אַ פראַגמענט פון אַן אַרטיקל, וואָס איז דערשינען צומאָרגנס נאָך דער העליקאָפּטערן-באָמבאַרדירונג, פון וועלכער עס זענען דערהרגעט געוואָרן, צוזאַמען מיט פיר טעראָריסטן פון כאַמאַס, אויך צוויי זשורנאַליסטן און צוויי קליינע קינדער..

# ברק דעקט אָפּ די מאַסקע

אין די לעצטע חדשים, צום ערשטן מאָל זינט דעם דורכפאַל פון די געשפּרעכן און דעם אויסברוך פון דער צווייטער אינטיפאַדע, האָט זיך געשפּאָלטן דער אָנגענומענער ישראלדיקער נוסח פון אויפקלערן די געשעענישן. דער דאָזיקער נוסח, וועלכער איז געוואָרן אַ כמעט אומאָפּפרעגלעכע קאָנווענציאָנעלע באַשטימונג און האָט זיך אײַנגע־בי־גערט אין דעם גרעזעלשאַפטלעכן דיאַלאָג, האָט געלויטעט אַזוי: "ברק האָט פאָרגעלייגט אַ ברייטהאַרציקן פאָרשלאַג, אַראַפאַט האָט זיך אָפּגעזאָגט אים אָנצונעמען און האָט געעפנט אַ מערכה פון גוואַלט". דהײַנו, ברק, דער ווײַטזעעוודיקער מלוכהמאַן, האָט אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון אַראַפאַטס פּרצוף, און דאָס פאָלק אין ישראל איז אים דערי̇בער שולדיק אַ דאַנק.

פון די באַריכטן וועגן דעם וואָס איז פאָרגעקומען אין קעמפּ דייוויד, צווישן זיי פון אַזעלכע אַמעריקאַנער ווי ראָבערט מאַלי, דער געהילף פון געוו. פּרעזידענט קלינטאָן. ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז נאָר אַ טיילווײַזיק בילד, און אפשר אַפילו אַ פאַלשע מסקנה. ברק האָט טאַקע פאָרגעלייגט אַ ווײַטגייענדיקן פאָרשלאַג, אָבער ער האָט אָן ספק געהאַט אַ חלק אין דעם צוזאַמענברוך פון די געשפּרעכן. זײַן פאָדערונג צו פאַרענדיקן דעם קאָנפליקט האָט פאַ־לאַנגט אַ גאַנץ אַנדערן פאַרשלאַג ווי דער וועלכן ער האָט פאָרגעלייגט. אויך די פאַרהאַנ־לונג־סטראַטעגיע, וואָס ברק האָט אַדאָפּטירט, אין זין פון אַלץ אָדער גאָרנישט, פּאַסט אפשר פאַר אַ מסחריש דינגעניש, אָבער נישט פאַר אַזאַ קאָמפּליצירטן סיכסוך.

דער פאָרשלאַג אין קעמפּ דייוויד האָט אַנטהאַלטן דעם אָנשלוס פון 9% פון די שטחים צו ישראל און דאָס שאַפן פיר פּאַלעסטינער ראַיאָנען אָפּגעטיילטע איינער פון דעם אַנדערן מיט אַ ישראלדיקן גאַרטל. דער פאָרשלאַג בנוגע ירושלים, וויפל ער זאָל נישט זײַן אַ דורכבּרוך, איז נישט געוואָרן ווי געהעריק צוגעגרייט, און וואָס איז נאָך האַרבער, ער האָט די נאַציאָנאַלע מחלוקת פאַרוואַנדלט אין אַ רעליגיעזער.

ברקס צוריקקער, ווי מיר לערנען דאָס איצט, איז געוואָרן באַ־גלייט פון אַ קאָמוניקאַטיוון דעוויז: מיר האָבן נישט קיין פּאַרטנער. דער אויספיר: גרייט זיך צו אַ קאָנפראָנטאַציע מיט די פּאַלעסטינער, וועלכע זענען נישט גרייט אויף קיין שלום. קיין וווּנדער נישט, אויב אַזוי, אַז דאָס פאָלק האָט אויסגעוויילט שרונען.

פאָריקע וואָך, ווען ברקס ווערסיע האָט אָנגעהויבן צו היגקען, זענען אַלאַרמירט געוואָרן ברק און זײַנע געהילפן כדי צו ענטפערן. אין אַ געפּלאָנטערטן אַרטיקל אי'ן "ניו יאָרק טײַמס" האָט ברק אויפגעקלערט, אַז מע טאָר נישט אָפּפרעגן זיין ווערסיע וועגן דעם דורכפאַל פון די אונטערהאַנדלונגען, אָבער ער'ט נישט געלייקנט, אַז זײַנע פאָרשלאַגן פאַרן פּאַלעסטינער פאָלק וועגן פאַרענדיקן דעם קאָנפליקט זענען ווײַט, אַזוי ווי ראָבערט מאַלי האָט אויפגעדעקט, פון דעם וואָס דער ישראלדיקער לאַגער פון שלום לייגט־פאָר: צוויי מדינות, וואָס די גרענעץ־ליניע צווישן זיי באַזירט זיך אויף די ליניעס פון '67. זינט סאַדאַטן איז דאָס די ליניע פון דער רעגולירונג צווישן ישראל און אירע שכנות, און די געשיכטע פון די פאַרהאַנד־לונגען מיט סיריע באַקרעפטיקט דאָס.

ברק האָט אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון זײַן אייגענעם פּנים. ער שטיצט די רעגירונג פון שרון (און גאַנדי און ליבערמאַן) אין קעגנזאַך צו זײַנע צוזאָגן פון פאַר די וואַלן. דאָס איז אַ רעגירונג, וואָס וויל זיך נישט צוריקקערן צו קיין ערנסטע פאַרהאַנדלונגען, אַ רעגירונג, וואָס לייגט נישט פאָר די פּאַלעסטינער, אויך נאָך דעם ווי עס וועט דערגרייכט ווערן די רו, קיין שום האָפענונג. ברק האָט נישט קיין איינציק וואָרט פון קריטיק וועגן דעם, אַז צוליבן פעלן פון אַ פּאָליטישן פּלאַן בלײַבט בלויז די קאָנפראָנטאַציע פון כּוח, און דאָס פירט צו מלחמה. עס רעדט זיך וועגן אַן אומנייטיקער מלחמה, ווײַל נאָך איר וועלן זיך ווידער אָנהייבן פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ לייזונג פון "צוויי מדינות" – אונטערהאַנדלונגען, וואָס מע קאָן און מע דאַרף זיי אָנהייבן הײַנט. ברק האָט אָפּגעדעקט די מאַסקע און וואָס מיר זעען, איז נישט קיין מנהיג פון דעם לאַגער פון שלום, וואָס זאָל פאָרלייגן אַ לייזונג פאַר דעם קאָנפליקט, נאָר אַ שטיצער פון דעם לאַגער פון מלחמה.

**אריה ארנון**, "ידיעות אחרונות" 6.8.2001

# געקומען, דורכגעפאַלן, געזיגט...

## אייניקע לעקציעס בנוגע די באַהאַלטענע כוונות הינטער בּרקס "שלום־פּלאַן"

אויף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופן ווײַזט זיך אַרויס אַלץ מער און מער, אַז אהוד בּרק איז נישט ניכשל געוואָרן, נאָר האָט דווקא "מצליח געווען" צו פּאַרווירקלעכן זײַנע אמתדיקע כוונות לגבּי דעם שלום־פּראָצעס מיט סיריע און מיט די פּאַלעסטינער. עס מערן זיך די פּובליקאַציעס פון פּאַרשיידנאַרטיקע קוועלן, און צווישן זיי פון בּרקס נאָענטע קרײַזן און אַנדערע, אײַנשליסלעך הויכע אַמעריקאַנער דיגניטאַרן, ווי מאַרטין אינדיק און ראָבערט מאַלי, וואָס באַקרעפטיקן וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער פּאָליטיק און די האַנדלונגען פון אהוד בּרקן אַלס שעף פון דער רעגירונג.

פון אָט די פּובליקאַציעס דרינגט אַרויס, אַז למעשה איז בּרקס אינפראַ־סטראַטעגיע גורם געווען צום פולשטענדיקן אָפּוואַרפן די כלומרשט ברייטהאַרציקע און פּרעצעדענטלאָזע ווײַטגייענדיקע ישראל־דיקע פּראָפּאָזיציעס פאַר די סטאַבילע לייזונגען פון אָט די צוויי קאָנפליקטן. נישט פאַרמינערנדיק אויף קיין האָר דעם חלק פון אַסאַדן און פון אַראַפאַטן אין דעם חטא פון פאַרזעצן די קאָנפליקטן, ווײַזט זיך אַרויס, אַז נאָך אַ ישראלדיקער רעגירונגס־שעף האָט ברייטהאַרציק בײַגעשטײַערט צום דורכפאַל פון די שלום־געשפּרעכן מיט די אַראַבער, און נישט צו זייער דערפאָלג.

נאָך דעם ווי אַסאַד און אַראַפאַט האָבן אָפּגעוואָרפן בּרקס פּראָפּאָזיציעס, האָבן בּרק און זײַנע וואָרטזאָגערס אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף די צוויי אַראַבישע מנהיגים. דערנאָך האָבן אייניקע פון די ישראלדיקע אָנטיילנעמערס געזאָגט, אַז בּרק האָט נישט געהאַט קיין דערפאַרונג אין פירן אונטערהאַנדלונגען, אַז ער איז נישט קיין דיפּלאָמאַט, נאָר אַ "גראָדליניקער" מלוכהמאַן, און נאָך אַזעלכע פּוסטע אויפקלערונגען. איצט ווײַזט זיך אַלץ מער אַרויס, אַז עס איז געווען אַ סך אַ פּשוטערע און אַ מער אָנגעווייטיקטע סיבּה פון דעם דורכפאַל: בּרק האָט פשוט נישט געהאַט בדעה צו דערפירן צום אָפּשליסן די אָפּמאַכן אין גײַסט פון די ברייטהאַרציקע פאָרשלאָגן.

דער דאָזיקער אויספיר באַשטעטיקט זיך אויך נאָכן אַנאַליזירן בּרקס פּאָליטישע אויפפאַסונגען. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז בּרק, אַזוי ווי אַנדערע אין דער "עבודה", איז קיינמאָל נישט געווען קיין "לינקער" פון פּאָליטישן אַספּעקט, און אַוודאי נישט פון סאָציאַלן און עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט. אויך די שטאַרקע נאָענטקייט זײַנע און פון זײַנע חברים צו שרונען זאָגט עדות וועגן זייערע אמתדיקע צילן.

עס איז אָנצונעמען, אַז די היסטאָריקערס אין די קומענדיקע דורות וועלן אונטערשטרײַכן גראָד דעם פאַקט, אַז בּרק האָט למעשה בײַגעשטײַערט צו דער עסקאַלאַציע פון דעם קאָנפליקט מיט די פּאַלעסטינער, און נישט צום אַראָפּנידערן דעם גראַד פון זײַן גוואַלטזאַמקייט און צום אויפהייבן דעם גראַד פון דער גרייטקייט אים צו לייזן. און דאָס דערפאַר, ווײַל דער דורכפאַל אָדער "דערפאָלג" פון די געשפּרעכן אין קעמפּ דייוויד האָבן צוגעטראָגן זייער חלק צו דער צווייטער אינטיפאַדע.

אַזאַ אָפּשאַצונג איז, ווי געזאָגט, אַן ענין פאַר די היסטאָריקער. צוזאמען דערמיט קאָן מען, און מען דאַרף, שוין איצט אַרויסציִען אַ ריי אומבאַדינגטע לעקציעס לגבּי דער פירונג פון דעם קאָנפליקט מיט די פּאַלעסטינער און מיט סיריע, און לגבּי די איצטיקע און די צוקונפטיקע פּאָליטישע האַנדלונגען פון ישראל.

ראשית־כל איז די טיפע אַנטוישונג בײַ מאַנכע פונעם "לאַגער פון שלום" צוליבן אָפּוואַרפן בּרקס פאָרשלאַגן און דאָס נישט גלייבן אין דער מעגלעכקייט צו דערגרייכן צווישן־אָפּמאַכן אָדער סטאַבילע אָפּמאַכן מיט די פּאַלעסטינער, אין אַ גרויסער מאָס נישט אויפן אָרט. מע דאַרף זײַן פאָרזיכטיק מיט אַרויפוואַרפן די אחריות פאַר אַ דורכפאַל אָדער אַ דערפאָלג בלויז אויף איין צד. נאָך מער, ערנסטע פאַרשלאַגן אין גײַסט פון די פון בּרקן קענען נאָך ווערן אָנגענומען דורך די פּאַלעסטינער און די סיריער און פירן צו סטאַבילע אָפּמאַכן.

צווייטנס, טאָר מען די פּאַלעסטינער און סיריער נישט פאַרלייגן קיין פאָרשלאָגן, וואָס ישראל האָט נישט בדעה צו רעאַליזירן. די פולע אויפריכטיקייט בײַם פירן פאַרהאַנדלונגען איז לעבנס־וויכטיק פאַר זייער דערפאָלג. מע טאָר נישט אַרויסלאָזן קיין פּרוווּבאַלאָנען, פאָרשלאַגן אויסצופּרובירן די ענטפערס און כוונות פון דעם אַנדערן צד, אָדער פאָרשלאַגן, וואָס צילן צו דערפירן דעם אַנדערן צד ער זאָל אָפּוואַרפן ישראלס כלומרשט באַרעמהאַרציקע פּראָפּאָזיציעס. ווי עס באַווײַזט דאָס די איצטיקע אינטיפאַדע, קענען די רעזולטאַטן פון אַזעלכע געקליגלטע גענג זײַן קאַטאַסטראָפאַלע.

דריטנס, פאַרהאַנדלונגען וועגן אָפּשטעלן דאָס אָנווענדן גוואַלט און פאַר אַ פאָרשריט צו צווישן־רעגולירונגען אָדער צו סטאַבילע אָפּמאַכן דאַרפן געפירט ווערן פון ביידע צדדים דורך מענטשן, וואָס זענען פילבאַר צו די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און זיכערהייטס־באַדערפענישן פון דעם אַנדערן צד, און נישט דורך פּאָליטיקער, אַזעלכע ווי בּרק, וואָס ווײַזן אַרויס כמעט אַן אַבסאָלוטע טעמפּקייט צו אָט די נויטן.

פערטנס, מאַנכע געוועזענע גענעראַלן, וואָס באַטראַכטן זיך ווי סאָפיסטיקירטע מומחים אין די ענינים פון דעם קאָנפליקט, האָבן גורם געווען ישראל גרויסע שאָדנס. דער געזעץ־פאָרשלאַג פון משה אַרענס איז אַ ריכטיקער, אָבער אַ נישט גענוגנדיקער שריט וועגן באַשטימען אַן "אָפּקילונגס־תקופה" צו פאַרמײַדן דאָס באַלדיקע אַרײַנטרעטן פון מיליטערלײַט אין דער פּאָליטיק.

ביידע צדדים נייטיקן זיך אין אַ פאַרנונפטיקער און סענסיטיווער מלוכישער און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער פירערשאַפט. זעט אויס, אַז ביז וואַנען עס וועט קומען צו אַן ענדערונג אויף דעם געביט און עס וועט אויפקומען אַ נײַע אָנפירונג, און נישט דווקא אַ יונגע, וועלן מיר אַלע זײַן ווײַטער אויסגעשטעלט אויף שווערע יאָרן אין אונדזער פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן.

**פּראָפ' גבי שפר "הארץ", 25.07.01**

דער מחבר איז אַ לעקטאָר פון פּאָליטישע וויסנשאַפטן אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט.

## מע שרײַבט אונדז

### פון מעלבורן:

**דער סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד "סקיפּ"** האָט איצט אָפּ־געצייכנט מיט אַ רייע פײַערלעכקייטן דעם יובליי פון 50 יאָר פון זײַן עקזיסטענץ. אין די ראַמען פון די טעטיקייטן איז אויך אויף אַ בכּבֿודיקן אופן דורכגעפירט געוואָרן דעם 18־טן אַפּריל אַ זייער געלונגענע אָנדענק־אַקאַדעמיע אין טאָג פון אומקום און גבורה – צום יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. די אַקאַדעמיע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די יונגע חברים. דער פול־געפּאַקטער זאַל איז געווען געהעריק דעקאָרירט און די רעדעס, אין ייִדיש און אין ענגליש, זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט צוגעפּאַסטע לידער און דעקלאַמאַציעס.

אין חודש מאַי איז דערשינען (אין ענגליש) אַ ביולעטין מיט באַ־ריכטן פון דער דורכגעפירטער טעטיקייט פון דער בונדישער אָרגאַ־ניזאַציע און פון די אונטערנעמונגען פון "סקיפּ". עס איז אויך דער־מאָנט געוואָרן דער 50־יאָריקער יובל פון די תּל־אָבֿיבֿער "לעבנס־פראַגן" און דער ספּעציעלער נומער פון דעם זשורנאַל, געווידמעט דעם יובל.

די "סקיפּ"־אָרגאַניזאַציע אין מעלבורן פירט אַדורך וועכנטלעכע צוזאַמענטרעפן פון יוגנטלעכע, און אין חודש יולי איז פאָרגעקומען אַ "סקיפּ"־ווינטערלאַגער, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט 60 סקיפּיסטן. דער פּראָגראַם איז געווען אויסגעפילט פון שמועסן מיט דיסקוסיעס וועגן די לויפנדיקע פּאָליטישע געשעענישן און אַנט־וויקלונגען, ווי אויך סעמינאַרן און סקויטן־שפּילערײַען.

די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט מיט אַ יערלעכער אָנדענק־לעקציע אָפּגעמערקט דעם ערשטן יאָרטאָג נאָכן טויט פון אונדזער חבר **באָנאָ ווינער**. די האַיאָריקע פאָרלעזונג איז געווען פון ח' לעאָן געטלער, א.ד.ט. "גלאָבאַליזאַציע". ח' געטלער איז אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט פון אַן ענגלישער טאָגצײַטונג. אין דער דיסקוסיע האָבן זיך באַטייליקט אַ גרעסע צאָל חברים און פרײַנד אין ביידע שפּראַכן און דער צוזאַמענטרעף איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער.

**בערי דזשאָנס**, דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אין אויסטראַליע און אַ נאָענטער פרײַנד פון "בונד", איז אויפגעטראָטן שבת דעם 21־טן יולי אין בונדישן לאָקאַל מיט אַ רע־פעראַט אד"ט: "אויסטראַלישע פּאָליטיק". ער האָט זיך ברייט אָפּ־געשטעלט אויף די פאַר שטייענדיקע וואַלן, וואָס דאַרפן פאָרקומען ביזן סוף פון דעם יאָר, און וועגן די פּלענער פון דעם געגרייטן וואַל־קאַמפּיין. ער אַליין איז אַנגאַזשירט אין אויסאַרבעטן די פּלאַט־פאָרם פאַר די נײַע וועגן, וואָס זאָלן העלפן דער לייבאָר־פּאַרטיי זיך צוריקצוקערן צו דער מאַכט. נאָכן קורצן אויסטויש פון מיינונגען האָט דער עולם, צווישן וועלכן עס איז געווען אַ גרויסע צאָל יוגנט־לעכע, באַדאַנקט דעם רעפערענט מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן פאַר זײַן זייער אינטערעסאַנטער פאָרלעזונג.

מיט חברשאַפט־גרוס –

**י. ווינקלער**

**ליבער רעדאַקטאָר,**

איך דאַנק אײַך פאַר דעם גרויסן פאַרגעניגן וואָס כ'האָב געהאַט לייענענדיק אין אײַער זשורנאַל וועגן מײַן היימשטאָט טשערנאָוויץ. איך האָב געלעבט און בין אויפגעוואַקסן אין דער שיינער ייִדישער שטאָט ביז צום אויסברוך פון דער היטלער־מלחמה.

ווי אַ סקולפּטאָר האָב איך הײַנטיקס יאָר אויסגעאַרטיקט אַ טרי־ביוּט פאַר דעם העלדישן הומאַניטאַר און מאַרטירער, דעם ייִדן־רעטער ראַאוּל וואַלענבערג. אין "יד ושם" געפינט זיך מײַן סקולפּטור "די טרויערנדיקע מאַמע" אין בראָנז. זי פרעגט: פאַרוואָס האָב איך געמוזט מקריב זײַן אַזוי פיל מיליאָנען פון מײַנע קינדער?

איך ווינטש אײַך ווײַטערדיקן דערפאָלג אין אײַער שעפערישער אַרבעט. מיט וואַרעמע גרוסן פון אַ פרײַנד,

יוסף וואַכסעל

פּאַלם ביטש, פלאָרידע

## צום יובל פון 50 יאָר "לעבנס־פראַגן"

**ליבע פרײַנד,**

איך שליס זיך אָן צו די באַגריסונגען לכּבֿוד דעם 50־יאָריקן יובל פון די "לעבנס־פראַגן" און איך באַגריס האַרציק דעם פרײַנד יצחק לודען פאַר זײַן 30־יאָריקער פרוכטבאַרער דינסט לטובֿת ייִדיש און ייִדישער קולטור ווי דער רעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע.

איך דריק אויס מײַן טיפע דאַנקבאַרקייט און איך ווינטש נײַע דערפאָלגן דער רעדאַקציע און די מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל.

**באָריס סוביטשיעס,** מאָסקווע

**חשובֿער חבר רעדאַקטאָר,**

איך דאַנק אײַך פאַר צושיקן מיר דעם יובליי־נומער פון די "לעבנס־פראַגן" מיט זײַנע אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע אַרטיק־לען. זיי האָבן מיך צוריקגעקערט צו יענע יאָרן ווען כ'בין געווען אַ שילער אין דער ייִדישער אָנפאַנג־שול און איך האָב אין איינעם פון די לערנביכער געלייענט די דערציילונג א"נ "מאַיקע פון קליינעם בונד" – וועגן די געפילן פון אַ ייִנגעלע, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אַ דעמאָנסטראַציע באַגלײַך מיט די דערוואַקסענע.

איך בין געבאָרן אין ווײַסרוסלאַנד, געווען אַ סטודענט אין מינס־קער ייִדישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום. נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטי־טוט געאַרבעט אַלס לערער און זשורנאַליסט אין אַ רעפּובליקאַנישער פּעדאַגאָגישער צײַטונג, געדרוקט זיך אויף רוסיש, ווײַסרוסיש און ייִדיש. געקעמפט קעגן די נאַציס אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

איך ווינטש אַלע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע געזונט און שעפערישן דערפאָלג.

מיט וואַרעמען גרוס –

**איליאַ זלאַטניק,** ראשון לציון

## "וועסטי" באַגריסט די "לעבנס־פראַגן"

"דעם חודש איז געוואָרן 50 יאָר ווי עס דערשײַנט אין תל־אביב איינע פון די סאָלידסטע פעריאָדישע אויסגאַבעס אין ייִדיש, דאָס איז דער זשורנאַל "לעבנס־פראַגן" – שרײַבט די רוסישע צײַטונג "וועסטי", וועלכע דערשײַנט אין תל־אָביב.

"דער רעדאַקטאָר יצחק לודען" – שרײַבט ווײַטער דער מחבר פון דער נאָטיץ – "רופט אָן זײַן זשורנאַל 'סאָציאַליסטישער', און מיט דעם איז נאָך נישט אַלץ געזאָגט געוואָרן: אין אַ סך הינזיכטן ברענגט ער צום אויסדרוק די אידעאָלאָגיע פון דער בונדישער באַוועגונג, **וואָס גרענעצט מיט די קאָמוניסטישע אָנשויונגען**. צוזאַמען דערמיט אָבער אי. דער פּראָפעסיאָנעלער ניוואָ פון דער אויסגאַבע אַזאַ הויכער, אַז די לײַטנדיקע אידעאָלאָגיע גייט אַראָפּ אויפן צווייטן פּלאַן, און עס לייענען זי מיט פאַרגעניגן זאַכקענערס און ליבהאָבערס פון ייִדיש, וואָס געהערן צו די פאַרשיידנסטע פּאָליטישע ריכטונגען, צווישן זיי אויך דער לייטער פון אָט דער רובריק...

"מיר באַגריסן האַרציק דעם רעדאַקציאָנעלן קאָלעקטיוו פון די "לעבנס־פראַגן" צו דער באַדײַטונגספולער דאַטע און מיר ווינטשן איר נײַע שעפערישע דערפאָלגן".

*

אין דער באמת שיינער לויב־נאָטיץ וועגן די "לעבנס־פראַגן" ווייסט אָבער נישט, ליידער, איר יונגער מחבר, וועלכער איז אויפגעוואַקסן אונטער דעם קאָמוניסטישן רעזשים אין סאָוויעטנלאַנד, דעם אונטערשיד צווישן קאָמוניזם און סאָציאַליזם; ער ווייסט אויך נישט, אַז בונדיסטן זענען דאָרט גערודפט געוואָרן נישט ווייניקער ווי טראָצקיסטן, ציוניסטן און אַלע אַנדערע "שונאים פון פאָלק".

# Юбилей журнала "Лэбмс-фрагн"

В этом месяце исполняется 50 *лет одному из самых солидных* периодических изданий на идише - тель-авивскому журналу "Лэбмс-фрагн" ("Жизненные проблемы").

Редактор Ицхак Люден называет свой журнал социалистическим, и этим еще не все сказано: он во многом отражает идеологию движения Бунд, граничащую с коммунистическими воззрениями. Вместе с тем профессиональный уровень издания столь высок, что проповедуемая им идеология отходит на второй план, и его с удовольствием читают знатоки и любители идиша, придерживающиеся самой разной политической ориентации. В том числе и ведущий данной рубрики...

Сердечно поздравляем редакционный коллектив "Лэбмс-фрагн" со знаменательной датой и желаем ему новых творческих успехов!

Перепечатываем из свежего номера "Лэбмс-фрагн" одно из стихотворений.

50 יאָר

דער נומער האָט 32 זײַטן

**לעבנס־פראַגן**

סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפט און קולטור

רחל גערשטנקאָרן-בעקערמאַן

**ווען מאָלן כ'וואָלט קענען**

ווען מאָלן כ'וואָלט קענען,<br>געגראַמט וואָלט איך פאַרבן<br>מיט ווערטער קאָלירטע<br>ווי בלומען.

קען איך ניט מאָלן,<br>נאָר כ'ניגון דאָס לידל —<br>עס זאָלן די שורות<br>ניט שטומען.

כ'וואָלט פּרוּוון צעהענגען<br>ווי בילדער אין ראַמען<br>די פערזן<br>אין ייִדישן לשון.

זאָל ס'פלעמל פון ייִדיש<br>אין ייִדנלאַנד קיינמאָל<br>ניט ווערן<br>חלילה פאַרלאָשן!...

Роза Герштенкорн-Бекерман

## Если бы я умела рисовать...

Если бы я умела рисовать,<br>Срифмовала бы я краски<br>Разноцветными словами,<br>Как цветами.<br>Не умею я рисовать,<br>Но напеваю [х'нигн] я песню -<br>Чтобы строки [шýрэс]<br>Не замолкали.<br>Я бы попробовала выставить<br>(дословно: развесить),<br>Как иллюстрации к роману,<br>Куплеты стихов<br>На еврейском языке [лошн].<br>Пусть пламя идиша<br>В еврейской стране никогда,<br>Не дай Бог [холúлэ],<br>Не погаснет!

---

ליבער חבר יצחק לודען,

איך בין געקומען אין לאַנד מיט 11 יאָר צוריק, ווי אַן עולה פון סאָוויעט־רוסלאַנד, און פון דעמאָלט אָן האָב איך נישט פאַרפעלט קיין איינציקן נומער פון די "לעבנס־פראַגן", וואָס איז די אַלע יאָרן מײַן באַליבטע גײַסטיקע שפּײַז און דערקוויקונג.

נאָכן זײַן אַזוי פיל יאָרן אָפּגעריסן פון מײַנע ייִדישע קולטור־וואָרצלען, האָבן מיך די "לעבנס־פראַגן" פון דאָס נײַ צוריקגעקערט צו די יאָרן פון מײַן קינדהייט און יוגנט, און איך בין שטאָלץ דערמיט, וואָס מיר האָבן ביידע געטרונקען פון די זעלבע לויטערע קוואַלן פון די ייִדיש־וועלטלעכע פאָלקס־שולן אין וואַרשע.

איך ווינטש דיר אָנצוגיין נאָך אַ סך יאָרן מיט דײַן געבענטשטער אַרבעט פאַר ייִדיש און פאַר די בונדישע אידייען.

*שמעון וואַקס,* נצרת עלית

---

מיט שטאַרקן ווייטיק האָבן מיר אויפגענומען די ידיעה<br>וועגן דעם טויט פון אונדזער איבערגעגעבענעם<br>חבר און פרײַנד, דעם סאָליסט פון אונדז ער כאָר

**ד נ י א ל  ב אָ י ק י ס**

ער וועט אונדז פעלן אין אונדזער טעטיקייט.<br>דער פרוי, די טעכטער מיט זייערע משפחות – אונדזער<br>טיפסטן מיטגעפיל

דער כאָר א"נ פון מיכאל קלעפפיש<br>בײַם "אַרבעטער־רינג" אין תל־אביב

---

מיט צער האָבן מיר אויפגענומען די ידיעה וועגן טויט פון

**ניעמעלע ליבעסקינד**

פרײַנד, חבר און דערציִער פון די קינדער־ און יוגנט־יאָרן<br>אין לאָדזש,

**רות שקאָלניק, קאַראָל וועקסל'ער**

---

דעם 5.08.2001 איז אַוועק אין דער אייביקייט<br>אונדזער ליבער חבר

**ד נ י א ל  ב אָ י ק י ס**

דער משפחה – דער פרוי, די טעכטער און זייערע משפחות –<br>אונדזער אויפריכטיקן מיטגעפיל.

"אַרבעטער־רינג" אין תל־אביב<br>קולטור־קרײַז בײַם "אַרבעטער־רינג"

# אויף דער ביכער־פּאָליצע

**עזריה דאָברושקעס / שפּעטער סניט** – צום 89־טן געבוירנטאָג פון דעם מחבר, וואָס פאַלט אויס דעם 5־טן סעפּטעמבער, איז דערשינען אין דריַ היבשע בענדער דער אָנגעזאַמלטער שניט פון דעם וואָס ער האָט פאַרזייט אין די אַלע יאָרן פון זיַין שריַבערישער אַרבעט. די דריַ בענדער אַנטהאַלטן אַ ריַיכן סך־הכל פון שריפטן, מחשבות, פּאָעמעס און אַרטיקלען, אָנהייבנדיק פון ליטעראַרישער פּראָזע באַזירט אויף אויטאָביאָגראַפישע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען, ביז פּובליציסטישע רעפּאָרטאַזשן און פאַרטראַכטונגען אויף כּלערליי אַקטועלע און נישט נאָר אַקטועלע טעמעס, דער עיקר אויף דער טעמאַטיק פון ייִדישן קיום און ייִדישן קולטור־המשך. חוץ דעם באַזונדערן גרויסן קאַפּיטל א"נ *אַ בינטל פּאָעזיע*, זענען אויך די אַנדערע קאַפּיטלעך פון די דריַ בענדער דורכגעפלאָכטן מיט דעם מחברס לידער און פּאָעמעס.

**באַנד 1: 365 זיַיטן; באַנד 2: 309; באַנד 3: 318 ז"ז. אַלע אין ווייכן איַינבינד. פ"ג י. ל. פּרץ תל־אָביב, תשס"א - 2001.**

ISBN: 965-7012-43-0

**אַלי ביידער / פוּיְ באָלשעוויסטישן "גן־עדן" אין אמתן היימלאַנד** – לידער און פּאָעמעס אויף ייִדיש און אויף רוסיש, מיט אַ קורצן פאָרוואָרט פון **ד"ר העשיל קלעפּפיש**, ווי אויך דעם מחברס צוויי קורצע חיבורים אונטערן קעפּל "נישט פאַרקעמטע מחשבות" און מיט א פאָטאָ־פּאָרטרעט פון דעם מחבר.

**150 זיַיטן, ווייכער איַינבינד. פ"ג "אייגנס", ירושלים - 2001.**

**אליהו יונס / עשן בחולות** – יהודי לבוב במלחמה 1944–1939. (אליהו יאָנעס: רויך אין די זאַמדן – די ייִדן פון לוואָוו אין דער מלחמה). אַ פאָרשונג פון ברייטן פאַרנעם וועגן די ייִדן פון לעמבערג אונטער דער סאָוויעטישער און דערנאָך אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע אין די יאָרן פון דער היטלער־מלחמה. מיט אַ קורצן אַריַנפיר־איבערבליק איבער דער געשיכטע פון ייִדישן ייִשוב אין לעמבערג–לוואָוו ביז דער היטלער־מלחמה. (דער מחבר, אַן אָפּשטאַמיקער פון ווילנע, איז פאַר דער מלחמה געווען אַקטיוו אין יוגנטבונד "צוקונפט" און אַ העלפער אין סאָציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד "סקיפּ" ביַים "בונד". קומענדיק נאָך דער מלחמה קיין ישראל איז ער געווען פון די גרינדער און אין משך פון יאָרן דער פאַרוואַלטער פון דער ייִדישער ראַדיאָ־אוידיציע. אין זיַין קורצינקער ביאָגראַפישער נאָטיץ אויף דער הילע פונעם בוך ווערט אָבער וועגן דעם מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט).

**405 זיַיטן, האַרטער איַיבינד. מיט אַ גרויסער רשימה פון דאָקומענטן, קורים און עדות. און אַן אינדעקס פון נעמען און ערטער. אַרויסגעגעבן פון "יד ושם", ירושלים תשס"א.**

ISBN: 965-308-111-X.

Edited by Jack Jacobs
**JEWISH POLITICS IN EASTERN EUROPE: THE BUND AT 100** - with a foreword by Felix Tych *Director of Jewish Historical Institute, Warsaw.*
Palgrave Publishers Ltd 2001. Printed in Great Britain. 284 pp'. ISBN: 0-333-75462-X.

**ייִדישע פּאָליטיק אין מזרח־אייראָפּע: 100 יאָר "בונד"** – רעדאַגירט פון **דזשעק דזשעיקאָבס.**
געזאַמל פון 20 רעפעראַטן, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אויף דער אינטערנאַצ. אַקאַדעמישער פאָרשער־קאָנפערענץ געווידמעט 100 יאָר "בונד", וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין נאָוועמבער 1997 אין וואַרשע. די זאַמלונג שפּיגלט אָפּ אַ ברייטן פעכער פון די היסטאָרישע און אידעאָלאָגישע אַספּעקטן פון דער בונדישער באַוועגונג, ווי זיי זענען געקומען צום אויסדרוק אויף דער קאָנפערענץ.

אַרויסגעגעבן אין ענגליש. 284 זיַיטן, האַרטער איַינבינד. פאַרלאַג "פּאַלגרעיוו" בשות' מיטן ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

*

**אנטולוגיה קטנה של משוררי יידיש שנספו בברה"מ** – אַ קליינע אַנטאָלאַגיע פון דיכטער וואָס זענען אומגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד. איבערגעזעצט אויף העברעיִש: מאיר אבני. אַן אויסוואַל פון די שאַפונגען פון 10 אומגעקומענע סאָוויעט־ייִדישע דיכטער, אויסגעקליבן פון דער ייִדישער אַנטאָלאָגיע א"נ *אַ שפּיגל אויף אַ שטיין*, וואָס עס האָט בשעתו אַרויסגעגעבן "די גאָלדענע קייט". די "קליינע אַנטאָלאָגיע" נעמט אַרום פּאָעטישע שאַפונגען פון: דער נסתּר, דוד האָפשטיין, אהרון קושניראָוו, לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש, משה קולבאַק, שמואל האַלקין, איזי כאַריק, איציק פעפער און זעליג אַקסעלראָד. דאָס איז דאָס דריטע בוך לידער פון ייִדישע פּאָעטן – נאָך איציק מאַנגערס "לידער און באַלאַדעס" און ה. לייוויקס "לידער און פּאָעמעס" אין דער העברעיִשער איבערזעצונג פון מאיר אבני.

152 זיַיטן, ווייכער איַינבינד. די הילע איז אילוסטרירט פון **משה כגן.** אַרויסגעגעבן פון קיבוץ שמיר, **תשס"א - 2001.**

**דוד פּור / העילוי מסטאניסלוו. אברהם לבנסארט** (לעבענסאַרט) – 1880 – 1909, **האיש ויצירתו** – דער מענטש און זיַין ווערק. פאָרש־אַרבעט פאַר אַ דאָקטאָראַט, אונטער דער אויפזיכט פון פּראָפ' **יוסף בר אל.** 286 זיַיטן. האַרטער איַינבינד. הילע אילוסטרירט פון **משה בערנשטיין.**
פ"ג י.ל. פּרץ, תל־אביב תשס"א - 2001.

**טאָפּלפּונקט** נומ' 3 – פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכע פראַגעס. אויסגאַבע פון דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פאַר ייִדישער קולטור אין ישראל. רעדאַקטאָר: **יעקב בעסער,** מיטרעדאַקטאָר: **ישראל רודניצקי.**
140 זיַיטן. אילוסטרירט מיט רעפּראָדוקציעס פון דעם קונסט־מאָלער **יוסף זאַריצקי.** זומער 2001.

## אָנגעקומענע צײַשריפטן

**חשבון** – פּרעיאַדישע שריפט פֿאַר ליטעראַטור און קולטור־פּראָבלעמען. אַרויסגעגעבן פֿון לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדישן קולטור־קלוב. רעדאַקטאָר: **משה שקליאַר**. נומער 137. 70 זײַטן. לאָס־אַנדזשעלעס, פֿרילינג תשס"א – 2001 (אין פֿאַריקן נומער ל"פּ איז על פּי טעות געווען אָנגעגעבן 2000. מיר אַנטשולדיקן זיך פֿאַר דער רעדאַקציע פֿון "חשבון").

**ייִדישע קולטור** – חודש־שריפֿט פֿונ'ם ייִדישן קולטור־פֿאַרבאַנד. רעדאַקטאָר: **איטשע גאָלדבערג**; רעד.־סעקרעטאַר: **שושנה באַלאַבאַן–וואָלקאָוויטש**. 64 זײַטן. ניו־יאָרק,, יאַנואַר–מערץ 2001.

**קשר** – נומ' **29**. אויסגאַבע פֿון דעם אינסטיטוט פֿאַר פֿאָרשן די ייִדישע פּרעסע (אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן), בײַם תּל־אָבֿיבֿער אוניווערסיטעט, געגרינדעט פֿון **שלום ראָזנפֿעלד**. רעדאַקטאָר: **ד"ר משה נאור**. ספּעציעלער נומער געווידמעט דער טעמע: ייִדישע עקאָנאָמיע און פּרעסע, אין אָנדענק פֿון יעקב גראָמאַן. 154 זײַטן. מאַי 2001.. דער זשורנאַל דערשײַנט אין העברעיִש.

**ייִדישע העפֿטן** – מיט אַ פֿאַרגינערישער באַגריסונג פֿון די "לעבנס־פֿראַגן" צום אָפּצייכענען פֿינף יאָר דערשײַנען פֿון דעם פּאַריזער ייִדישן חודש־זשורנאַל, און מיט אַ פֿאַרביקער מיניאַטור־צייכענונג פֿון דעם פּאַריזער קינסטלער **דוד טושינסקי** לכּבֿוד דעם יובֿילי פֿון דעם זשורנאַל. 36 זײַטן. פּאַריז, יוני 2001 .

אַ ן צווישן איז דערהאַלטן געוואָרן אויך דער נומער פֿון יולי–אויגוסט 2001 פֿון די "ייִדישע העפֿטן".

**אויפֿן שוועל** – געזעלשאַפֿטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטלניק, אָרגאַן פֿון דער ייִדיש־ליגע. רעדאַקטאָר: **ד"ר מרדכי שעכטער**. דער נומער איז געווידמעט דעם 75־טן געבוירנטאָג פֿון דעם אין 1967 געשטאָרבענעם **אוריאל ווײַנרײַך**. 28 ז'. אַפּריל־יוני 2001 ניו־יאָרק.

**גרינע מדינה / GRINE MEDINE** - ליטעראַרישע צײַטשריפֿט אין ייִדיש און אין האָלענדיש. ווערט אַרויסגעגעבן פֿון אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע אין אַמסטערדאַם. 28 זײַטן. **נומ' 4**. יולי 2001.

**צום פּונקט** – **ייִדיש אין גרויס וואַשינגטאָן**. רעדאַקטאָר: **בערנאַרד קאָנאָפּקאַ**. 18 ז' ייִדיש און ענגליש. אַפּריל–מאַי 2001.

Arbeiterstimme - *Zeitschrift 'ur marxistische Theorie und Praxis. 40 s'. Nurnberg, Juni 2001.*

---

**CD: באָריס סאַנדלער / אַ שמעק טאַבעקע און אַנדערע דערציילונגען** – אין אַ קאָמפּאַקט־דיסק געלייענט פֿון די באַקאַנטע בינע־אַקטיאָרן **מינאַ בערן, שיפֿרה לערער** און **דוד ראָגאָף**. דער דיסק אַנטהאַלט, חוץ *"אַ שמעק טאַבעקע"*, די דערציילונגען: *"די באָבע עלע"*, *"די זילבערנע שלאַנג"*, *"אַנטיקען שפּיגל"* און *"דעם טאַטנס טאָג"*. דער מחבר פֿון די דערציילונגען איז דער שעף־רעדאַקטאָר פֿון ניו־יאָרקער ייִדישן "פֿאָרווערטס" און פֿאַרוואַלטער פֿון די ייִדיש ן פּראָגראַמען אין ראַדיאָ פֿון "פֿאָרווערטס".

## באַשטײַערונגען

| | | |
|---|---|---|
| מענדל שײַן (צו זײַן געבורטנטאָג) ....... | 820. – | ש"ח |
| מרים פּאָווימאַנסקי ............................ | 600. – | " |
| שלום ראָזענבערג, פּאַריז ................ | 550. – | " |
| סאָניע ליס, לוציאַ גליקסמאַן – ....... צו קאַראָל און אברהם וועקסלער, | 500. – | " |
| הערש קאַרוואַסער – ........... צו | 200. – | " |
| יהודה גור־אריה , מ. שפּרינגער – .... צו | 150. – | " |
| ענת אדרת ........................................ | 120. – | " |
| משה וואַסונג ........................................ | 100. – | " |
| יוסף וואַכטעל, מיאַמי, ....... ............ | 100. – | דאָל. |
| קובאַ לאַמשטיין, מאָנטעווידעאָ, ......... (און נאָך 100 דאָל. פֿאַר "אונדזער צײַט") | 100. – | " |
| חנה מלאָטעק, ניו־יאָרק, .............. | 50. – | " |

מיט ליבע און טיפֿער בענקשאַפֿט דערמאָן איך די דריטע יאָרצײַט פֿון מײַן אומפֿאַרגעסלעכן מאַן, דעם שרײַבער

**אברהם ליס ז"ל**

בײַם הספּד: "מיט אברהם ליס איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ רײַכע ייִדישע פּערזענלעכקייט"

סאָניע ליס

אין חודש סעפּטעמבער פֿאַלן אויס די יאָרצײַטן פֿון מײַנע אומפֿאַרגעסלעכע נאָענטסטע:

די מוטער **פֿעליציאַ פֿינטשעווסקי**

דער פֿאָטער **מאַקסימיליאַן פֿינטשעווסקי**

מײַן מאַן **ד"ר יעזשי גליקסמאַן**

דער ברודער **אינזש. וואַדיסלאַוו פֿינטשעווסקי**

און זײַן פֿרוי **אירענאַ**

דער ברודער **אַדוו. אַדאַם פֿינטשעווסקי**

דער פֿעטער **אינזש. ניקאָדעם פֿינטשעווסקי**

אין זייער אָנדענק באַשטײַער איך זיך מיט 500 ש"ח פֿאַר די "לעבנס־פֿראַגן"

לוציאַ פֿינטשעווסקאַ–גליקסמאַן

## אין דער ייִדישוועלט

**דעם 12־טן אויגוסט** איז אין ירושלים, אין דעם סקווער א"נ גן תּשי"ב בײַם אָנדענק־שטיין לזכר די הרוגי ייִדיש אין ראַטנפאַרבאַנד, אַדורכגעפירט געוואָרן די יערלעכע טרויער־אַקאַדעמיע צום אָנדענק פון די ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער, וואָס זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם דעספּאָטישן סטאַליניסטן רעזשים מיט 49 יאָר צוריק – דעם 12־טן אויגוסט 1952 – אין די ראַמען פון דעם סאָוויעטיש־קאָמוניסטישן אויסראָטונגס־צוג קעגן דער ייִדישער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט און קולטור.

נעבן דעם אָנדענק־שטיין, אויף וועלכן עס זענען אויסגעקריצט די נעמען פון די קדושים, האָבן זיך פאַרזאַמלט קרובים, פרײַנד און פאַרערערס פון די אומגעבראַכטע, ווי אויך ייִדן פון פאַרשיידענע ערטער אין לאַנד.

הײַ־יאָר איז דער אָנדענק־אַקט אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פאַר ייִדישער קולטור צוזאַמען מיט דער ירושלימער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט באַזאָרגט די ויצפלעצער און מיקראָפאָנען, און עס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אויפן אָרט די ישראל־פאָן. מיטן פּראָגראַם האָט אָנגעפירט מיט פיל טאַקט דער דיקטאָר **מיכאל ווײַנאַפעל–בן־אברהם** אָנהייבנדיק דעם אַקט מיט רעציטירן אַ ליד פון יוסף קערלער געווידמעט דעם פאַרהייליקטן יאָרטאָג. מיט אײַנדרוקספולע ווידמונגס־ווערטער זענען אויפגעטראָטן: דער לייטער פון דער ייִדישער ראַדיאָ־שעה **אבי נדרה**, דער שרײַבער (אין רוסיש) **אפּוים באַוך**, די פאָרשטייערין פון שטאָטראַט **לאַריסאַ** גערשטיין, (וועלכע איז איינע פון די וויצע־בירגערמײַסטערס פון ירושלים). ביז גאָר רירנדיק זענען געווען די רייד פון **אלא זוסקין־פּערלמאַן** וועגן איר פאָטער, דעם אומגעבראַכטן גרויסן אַקטיאָר פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע, בנימין זוסקין.

**מלך זיו**, דער כּלל–פאַרוואַלטער פון דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פאַר ייִדיש, האָט מיט טאַלאַנט געלייענט פאַרן עולם צוויי לידער פון **איזי כאַריק**, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן אין 1937. איך האָב געהאַט דעם זכות צו לייענען **דוד האָפשטיינס** אַ ל״ד, וואָס ער האָט געשריבן אין עברית, און לידער פון **פרץ מאַרקיש** און פון **משה קולבאַק**. די זינגערין **רות לעווין** האָט דערוואַרעמט דעם עולם מיט דרײַ לידער פון **דוד האָפשטיין** און אַ ליד פון **שיקע דריז**, מיט דער מעלאָדיע געשאַפן פון איר פאָטער, **לייבו לעווין**, בײַ דער מוזיק־באַגלייטונג פון **רעגינע דריקער**. מיט טיפן געפיל האָט **אריה פרידמאַן** געזונגען דאָס ליד *"איך בין אַ ייִד"* פון **איציק פעפער**, מיט דער מעלאָדיע פון דעם באַקאַנטן קאָמפּאָזיטאָר און זינגער **עמיל גאָראָוועץ**, וועלכער איז די טעג געשטאָרבן אין אַמעריקע.

דער אָנדענק־אַקט האָט זיך פאַרענדיקט מיטן נאַציאָנאַלן הימן, די "התקווה", און דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען שטיל, אײַנשווײַגן, טראָגנדיק ייִעדער איינער אין זיך זײַנע זכרונות, זײַנע געפילן.

**נחמה ליפשיץ**

## אַ פּראָיעקט אויפצולעבן דעם "בית שלום אַש"

איז באַהאַנדלט געוואָרן צוזאַמען מיטן בירגערמײַסטער פון בת־ים, ה' **יהושע סגיא** דורך דעם נײַעם פאַרטרויונגס־ראַט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון דעם נאַציאָנאַלן ראַט פאַר ייִדישער קולטור צוזאַמען מיט דער אָפּטרעטנדיקער פאַרוואַלטערין פון דעם הויז, **סורה גרינהויז־סורקאָוו**. ביז איצט האָט דאָס הויז, אין וועלכן שלום אַש האָט געלעבט זײַנע לעצטע יאָרן, געדינט ווי אַ מוזיי נאָך זײַן טויט. מיט דער הסכּמה פון זײַן משפּחה איז באַשלאָסן געוואָרן צו זוכן מיטלען דאָס הויז איבערצובויען מיט אַן אודיטאָריע־זאַל פאַר צוקונפטיקע ליטעראַרישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. דער מעיאָר פון בת־ים האָט צוגעזאָגט פונקציאָנעלע הילף (און אויך עצות) מצד דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אָבער נישט קיין משמעותדיקע פינאַנסיעלע אונטערשטיצונג, וואָס די נײַע פאַרוואַלטונג פון דעם הויז וועט דאַרפן זוכן – אַנדערשוו...

אין דער באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין "בית שלום אַש", האָט זיך אויך באַטייליקט די זשורנאַליסטין **שרה מאַנאָבלאַ** פון ירושלים, ווי די פאָרשטייערין פון דער משפּחה אַש אין לאַנד. אין פאַרטרויונגס־ראַט זענען געוואָרן אײַנגעשלאָסן: דער פאָרזיצער און דער כּלל־פאַרוואַלטער פון דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פאַר ייִדיש, ד"ר **אשר פורת** און **מלך** זיו, ווי אויך **אַדוו**. **ישראל איסערליס**, **רבקה באַסמאַן**, **יעקב בעסער**, **חיים בן־ארי**, **שורה טורקאָוו**, **יצחק לודען**, **שרה מאַנאָבלאַ**, משה סחר און דער פאַרוואַלטער פון דעם הויז, **שמחה מאָרעצקי**. צום ערן־פּרעזידיום פון **"בית שלום אַש"** געהערן: **מרדכי צאַנין**, **אברהם סוצקעווער** און **מרים מאַזאָווער–אַש** (אין לאָנדאָן).

## אין לייוויק־הויז אין תל־אביב

**האָט דער פאַראיין פון ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן אין ישראל** אונטערגענומען אַן אינטענסיווע טעטיקייט דורך אײַנאָרדענען פּעריאָדישע באַגעגענישן און שמועסן מיט פאַרשיידענע קרײַזן, דער עיקר מיט יונגע מענטשן, צו פאַראינטערעסירן זיי מיט דער ייִדישער שפּראַך און קולטור. די ערשטע באַגעגעניש, אד"ט **"די צוקונפט פון ייִדיש אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפט"**, איז פאָרגעקומען דעם 6־טן יולי ד"י אַרום אַ קײַלעכדיקן טיש, מיט דער באַטייליקונג פון **ד"ר מאיר פעיל**, **רפי ווײַכערט**, **ערן סבג** און **דניאל גלאי**, בײַ דער מיטבאַטייליקונג פון די מיטגלידער פונעם שרײַבער־קלוב. באַגעגענישן מיט יונגע מענטשן זענען פאָרגעקומען דעם 7־טן און דעם 14־טן יולי, און דעם 7־טן און 14־טן אויגוסט, מיט לייענען טעקסטן פון אליעזר שטיינבאַרג, צבי אײַזנמאַן, פונעם דובנער מגיד, לידער פון רבקה באַסמאַן, מיכאל פעלזענבוים, פון ייִדישן פאָלקלאָר א.אַנד. די ערשטע צוויי שמועסן זענען געפירט געוואָרן פון דעם וויצע־פאָרזיצער פון שרײַבער־פאַראיין **דניאל גלאי**, די אַנדערע – אויך פון רבקה **באַסמאַן** און **משה סחר**.

אַ ווידעאָ־פאָטאָגראַפירטע באַגעגעניש מיט יונגע (העברעיִש־רעדנדיקע) ייִדיש־פרײַנד איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער שטוב פון מרדכי **צאַנין**, דעם פאָרזיצער פון ייִדישן שרײַבער־פאַראיין.

דעם 21־טן אויגוסט איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין דעם שוין געקילטן אוידיטאָריע־זאַל פֿון "בית לייוויק" דער 40־מינוטיקער ווידעאָ־פֿילם א"נ "*אַ רייזע אין ייִדישלאַנד*" – וועגן דעם מצב פֿון ייִדיש אין דער הײַנטיקער ייִדישער וועלט.

אין די ראַמען פֿון דער צוזאַמענאַרבעט מיט דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פֿאַר ייִדיש איז אינסטאַלירט געוואָרן דער קילונג־סיסטעם אין די זאַלן פֿון "בית לייוויק".

**די רובינליכט ליטעראַטור־פּרעמיע** איז געוואָרן צוגעטיילט דעם מוזיקאָלאָג **יששכר פֿאַטער**, דעם דיכטער, דראַמאַטורג, קונסט־מאָלער און איבערזעצער **משה סחר** און דעם דיכטער **משה לעמסטער** אין דער 15־טער פּרעמיע־פּאַרטיילונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 19־טן יולי ד"י אין לייוויק־הויז. פֿון דעם רובינליכט־פֿאָנד בײַם שרײַבער־פֿאַראײַן זענען אויך אויסגעטיילט געוואָרן סובסידיעס דעם דיכטער **לעוו בערינסקי**, דער א"ג "פּרײַער אַקאַדעמיע" – פֿאַר געזו. טעטיקייט מיטן יונגן דור לטובֿת ייִדיש, און **ד"ר ישׂראל גאָלדבלאַט** – פֿאַרן בוך זכרונות א"נ "*ניט ווי שאָף צו דער שחיטה*", וועגן קאָוונער געטאָ. אין קינסטלערישן טייל איז אויפֿגעטראָטן דער פֿידלער־דואָ פֿון **בעלאַ זעלינסקי** און **אַלעקס שולמאַן** מיט ייִדישער, קלאַסישער און פֿאָלקס־מוזיק.

**דער יאָרטאָג פֿון 12־טן אויגוסט** איז אָפּגעצייכנט געוואָרן דורך דעם פֿאַראײַן פֿון די ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן אין ישׂראל מיט אַ פֿײַערלעכן אָנדענק־אַקט, בעת וועלכן די פּראָזאַיִקערין **יענטע מאַש** האָט אין אַ גלענצנדיקן רעפֿעראַט אַרויסגעהויבן דעם שעפֿערישן לײַדוועג וואָס די ייִדישע שרײַבער און קולטור־שאַפֿערס האָבן אַדורכגעמאַכט אין דעם לאַנד פֿון די ביטערע אַנטוישונגען פֿאַר די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן דערוואַרט פֿון דאָרט די דערפֿילונג פֿון זייערע שענסטע האָפֿענונגען. מיט רעציטירן פֿון די שאַפֿונגען פֿון סאָוועטיש־ייִדישע דיכטערס איז אויפֿגעטראָטן **נחמה ליפּשיץ**.

דער אָנדענק־אַקט האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ דואָ־קאָנצערט פֿון פֿאָטער און טאָכטער: **דניאל גלאַי** אויפֿן קלאַוויר, און זײַן טאָכטער **רחלי גלאַי** – אויפֿן טשעלאָ. זיי האָבן געשפּילט קאָמפּאָזיציעס פֿון **לייבו לעווין** און פֿון **דניאל גלאַי**.

**די פּרעזענטאַציע פֿון די צוויי העפֿטן פֿון "וואָרטבילד"** – איז פֿאָרגעקומען אין לייוויק־הויז אין תּל־אָבֿיבֿ דעם 26־טן יולי מיט דער באַטייליקונג פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון דער ליטעראַרישער זאַמלונג: **לעוו בערינסקי** און **צבֿי סמאָליאַקאָוו** (דער דריטער רעדאַקטאָר, **ישׂראל רודניצקי**, איז ניט געווען אָנוועזנד). די זאַמלונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פֿאַראײַן פֿון די ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן אין ישׂראל.

"**די גאָלדענע קאַטן**" – איז דער נאָמען פֿון דער נײַער פֿאָרשטעלונג, וואָס דער ייִדישער טעאַטער אין ישׂראל, **ייִדישפּיל**, וועט אויפֿפֿירן אָנהייבנדיק פֿון דעם 2־טן אָקטאָבער ד"י. דאָס איז אַ פּיעסע פֿון דעם אַמעריקאַנער דראַמאַטורג **ניל סײַמאָן**, אין דער ייִדישער איבערזעצונג פֿון **מרים האָפֿמאַן**, רעזשיסירט פֿון דעם רומענישן רעזשיסער **יאָן לוטשיאַן**. אין דער פּיעסע ווערט אויפֿגעשפּילט די דראַמאַטישע געשיכטע פֿון צוויי קאָמיקערס, וואָס זענען יאָרנלאַנג אויפֿגעטראָטן צוזאַמען אויף דער בינע, און די פֿאַרשײַדנאַרטיקע סיטואַציעס פֿון זייער, נישט אַלעמאָל אידילישן, צוזאַמענשפּיל. אין די צוויי הויפּט־ראָלן פֿון דער פּיעסע טרעטן אויף די אַרטיסטן **יעקבֿ באָדאָ** און **יעקבֿ אַלפּערין**.

אין צווישן ווערט נאָך אַלץ אויפֿגעפֿירט מיט דערפֿאָלג אברהם גאָלדפֿאַדענס קלאַסישע קאָמעדיע "**די צוויי קוני־לעמל**" אין דער מאָדערנער באַאַרבעטונג פֿון **מאָטי אוווערבוך**.

**דער קולטור־קרײַז בײַם "אַרבעטער־רינג"** אין תּל־אָבֿיבֿ עפֿנט דעם נײַעם טעטיקייט־סעזאָן דעם 5־טן סעפּטעמבער מיט רעפֿעראַטן פֿון ח' **חיים פֿיעקאַזש** און **רבֿקה באַסמאַן** וועגן דעם שרײַבער **צבֿי אײַזנמאַן** און זײַן בוך "*בײַם ראַנד פֿון חלום*", בײַ דער באַטייליקונג פֿון דעם מחבר פֿונעם בוך.

דעם 2־טן אויגוסט 2001 איז אין ווילנע פּלוצעם אַוועק אין דער אייביקער רו

אונדזער טײַערע און ליבע חבֿרטע און מענטשן־פֿרײַנד

## נעכע קאָריסקי־שנײַדער

אונדזער טיפֿן מיטגעפֿיל איר זון **יהושע שנײַדער** און דער גאַנצער פֿאַריתומטער פֿאַמיליע

**הינדע פֿעלדמאַן־פּרענער**, רמת־אָבֿיבֿ;
**שיינע נאַדעל־שניפּיצקי**, פּתח־תּקווה;
**שולמית ראָזשאַנסקי־נוימאַן**, רמת־גן;
**דבֿורה און שמואל ווינאָגראַד־סילין**, ירושלים;
**מרים קאָריסקי, מוסיע לאַנדאַו**, תּל־אָבֿיבֿ;
**מרים און יעקבֿ פֿאָווימאָנסקי־שור**, פּתח־תּקווה;
**רבֿקה אײדליטש־גורוויץ**, ירושלים;
**אברהם און אורה ווערסעס**, תּל־אָבֿיבֿ;
**אליהו און געלע באַוער**, כּפֿר־סבֿא;
**רבֿקה און איזע קאָוואַרסקי־גאָרדאָן**, ניו־יאָרק;
**פֿאַניע בראַנצאָווסקי**, ווילנע;
**שלמה און אלישבֿע כּהן־צדק פֿײַגענבערג**, רחובֿות

תל־אביב־יפו
TEL-AVIV-YAFO
P.P. — שולם
2192

פאַרגעס נישט אַריַינצושיקן
דיַין ביַישטיַיער
פאַר די "לעבנס־פראַגן"

ISSN 1565-0103

"לעבנס־פראַגן" אַרויסגעגעבן דורך דעם
"אַרבעטער־רינג" אין ישראל
רעדאַקטאָר: | ב. צאַלעוויטש | י. אַרטוסקי | יצחק לודען.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
רח׳ קלישר 48, תל־אביב 65165, טעל. 03-5176764
אדרעס פאַר קאָרעספּאָנדענץ: "LEBNS FRAGN"
48 KALISHER STR. TEL-AVIV — ISRAEL

ליבער פריַינד יצחק לודען,

לכבוד דעם 50־יאָריקן יובל פון די "לעבנס־פראַגן"
אַ האַרציקן מזל־טוב אייַך און איַיערע מיטאַרבעטער.
אַ יישר כּוח און אַ פּרוכטיקן המשך

ווינטשן איַיך **יוכבד און ד"ר מרדכי זיו**, כפר סבא

## אין היַינטיקן נומער:

**דער פּאָליטישער לינטש אין דערבען** ........ * * *
ליבער לייענער ........ **דער רעדאַקטאָר**
אַן אויסוואַל אָן דערוואַרטונגען ........ *
**פון חודש צו חודש:** באַבי יאַר — 60 יאָר; אַריין, אַרויס — און וואָס דערנאָך?; אַרבעטלאָזע מיליאָנערן; אויך דער רב וויל ווערן אַ מיליאָנער...; ........ * * *
ק. צעטניק און זיַין רעטעניש ........ **רבקה באַסמאַן — בן־חיים**
דערנואָנונג (ליד) ........ **רבקה באַסמאַן — בן־חיים**
דאָס נישט פאַרשטומטע ליד ........ **שמחה סימכאָוויטש**
די הייליקע שכינה איבער דער מדינה ........ **אהרן שפּיראָ**
וועגן ייִדיש אין די שולן; דער זומער־סעמינאַר אין ווינעציע: **מ.ז.**
"פּאָטערסטאָג" — אין אַ טאָג על־פּי טראַף ........ **דוד וואָלפע**
שלום אַש וועגן וואָלינער ייִדיש ........ **ד"ר כ. בערמאַן**
וועגן טשערנאָוויץ — מיט ייִדיש... ........ **קלמן פאָלגער**
כּ׳לקע מייַזנער — צו אירע גבורות ........ **משה וואָלף**
דאָס אַנדערע פּוילן ........ **טובה בן־צבי**
וועגן דעם אַלטער־ערליך — מאָרד ........ **אַ. טאָטשעוועסקי**
**פון דער ישראלדיקער פּרעסע:**
וואַגנער — טעאָדאָר הערצלס אינספּיראַציע;
דענעמאַרק ווי אַ משל; געקומען, דורכגעפאַלן, געזיגט...
ברק דעקט אָפּ זיַין מאַסקע; פאַרוואָס דווקא איצט?
**מע שריַיבט אונדז פון —**
אויף דער ביכער־פּאָליצע ........ * * *
אין דער ייִדישוועלט; באַגריסונגען, נאָטיצן ........ *

ליבער פריַינד יצחק לודען,

ליידער נישט געקענט איַיך פריִער באַגריסן, שוין העכער דריַי וואָכן אין שפּיטאָל. שיק איך איַיך, זאָל זיַין אַ קאָפּיטשקע פאַרשפּעטיקט מיַינע וואַרעמע ברכות צום יובל פון די "לעבנס־פראַגן", וועלכע איך לייען מיט גרויס פאַרגעניגן און האָב שטענדיק הנאה פון זיַין געלייטערטן ייִדיש.

פופציק יאָר איז נישט נאָר אַ האַלבער יאָרהונדערט. אין דעם פאַל איז עס אַן עפּאָכע פון יאָרנלאַנגער טאָגטעגלעכער זאָרג פאַר אונדזער פיל־געליטענעם ייִדישן וואָרט. אַן עפּאָכע, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט איַיך, דעם רעדאַקטאָר, און מיט איַיער 30יאָריקן יובל.

ווינטש איך איַיך, טיַיערער יצחק לודען, לאַנגע שעפערישע יאָרן לטובת "לעבנס־פראַגן", לטובת ייִדיש.

איַיער

*יוסף בורג*, טשערנאָוויץ

לִיצחק לודען, שלום וברכה,

איך שליס זיך אָן צו די האַרציקע ברכות און ווונטשן צום יובל פון די "לעבנס־פראַגן" און צו די 30 יאָר פון דיַין געבענטשטער טעטיקייט ווי דער רעדאַקטאָר פון אָט דער וויכטיקער צײַטשריפט.

ווי איינער וואָס פילט זיך ייִער נאָענט צו דער ייִדישער שפּראַך, צו איר קולטור און ליטעראַטור (הגם עס איז מיר עטוואָס שווער זיך אויסצודריקן אין איר), פאָלג איך נאָך מיט הויכער שאַצונג נאָך איַיער טעטיקייט פאַר אויפהאַלטן און פלעגן די ייִדיש־קולטור, און איך ווינטש איַיך נאָך אַ סך יאָרן פאַר אָט דער געבענטשטער און פּרוכטיקער אַרבעט.

איך לייג ביַי אַ טשעק אויף 150 ש"ח – מיַין באַשיידענעם צושטיַיער פאַר דער עקזיסטענץ פון דער צײַטשריפט אונטער איַיער רעדאַקציע.

בברכה נאמנה – *יהודה גור-אריה*

מיר דערמאָנען אונדזערע לייענער:

די "לעבנס־פראַגן" זענען אַ בשותּפותדיקע שאַפונג פון דער רעדאַקציע און פון די לייענער. אָן איַיער מיטבאַטייליקונג וועט דער זשורנאַל נישט קענען דערשיַינען, לאָזט אונדז נישט איבער אַליין.

פאַרגעסט נישט אַריַינצושיקן איַיער ביַישטיַיער.

מיר דאַנקען איַיך פון פאָרויס.

**די רעדאַקציע און די אַרויסגעבער פון די "לעבנס־פראַגן"**

דער זשורנאַל ווערט טיילוויַיז ספּאָנסירט פון דעם אברהם לערנער־פאָנד פאַר ייִדישער קולטור

עורך: יצחק לודן; מו"ל: "ברית העבודה", רח׳ קלישר 48, ת"א. סידור וטיפומונטז׳: "פאַראַגראַף", ת"א.